STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02343

# TOYRE BESHTETIGT FUN VISENSHAFT

Mosheh Epshtain

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

*Lloyd E. Cotsen Trust*
*Arie & Ida Crown Memorial*
*The Seymour Grubman Family*
*David and Barbara B. Hirschhorn Foundation*
*Max Palevsky*
*Robert Price*
*Righteous Persons Foundation*
*Leif D. Rosenblatt*
*Sarah and Ben Torchinsky*
*Harry and Jeanette Weinberg Foundation*
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
*National Yiddish Book Center*

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

משה עפשטיין

# תורה בעשטעטיגט פון וויסענשאַפט

## וויסענשאַפטליכע אויפקלערונג

א זאַמלונג פון ריין וויסענשאַפטליכע פאַקטען, וועלכע בעשטעטיגען די הויפּט־געזעצע פון דער תורה און צייגען אויף די וויכטיגקייט פון אונזערע שפּייז־געזעצע, טהרת המשפחה, שחיטה ובדיקה, א. א. וו. פון היגיעניש מעדי־ציניש שטאַנדפּונקט.

ומי גוי גדול אשר לו חקים ומשפטים צדיקים ככל התורה הזאת, אשר אנכי נותן לפניכם היום (דברים ד׳ ח׳).

פון

## משה עפּשטיין

פּערפאַסער פון

„משה און דאָס פאָלק“

שנת ה׳ תרפ״ט ניו יאָרק.

# מצבת זכרון

לזכר אבי מורי ר׳ בצלאל יעקב ב״ר יחזקאל ז״ל
שנקטף בדמי ימיו.

לזכר אמי מורתי חיה לאה ז״ל
ולזכר אבי־אבי, הצדיק, מחנכי ומדריכי, ר׳ יחזקאל
ב״ר מרדכי ז״ל

ואם־אבי חנה שרה בת ר׳ משה ז״ל.
ת. נ. צ. ב. ה.

Copyright — 1928
by
M. EPSTEIN
New York, N. Y.

בית דפוס אריאם פרעס, 54 רחוב קאנאל, ניו־יורק. 284

# אינהאַלטס־פאַרצייכנונג


אַ וואָרט צום לעזער — 5
ערקלעהרונג — 10
אָפּאָזיציע צו תורה — 14
די הנחות — 16
צוויי שטראָמען — 16
וויסענשאַפט און השערות — 22
ביבעל קריטיק — 22
דער סדר הבריאה און געאָלאָגיע — 23
עוואָלוציע און רעוואָלוציע — 24
ווידערשפּריכע אין בראשית — 26
וויסענשאַפט, טהעאָריעס און וויסענשאַפטס־לייטע — 28
פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען — 31
חזיר־פלייש — 33
אויסטערס — 36
דאַרען־פיש — 38
די פערבאָטענע אַכט שרצים — 39
האָזען־פלייש — 40
בשר בחלב — 43
שחיטה ובדיקה — 44
סטאַטיסטיקא — 51
נידה און קאַנסער — 59
אידישע היגיענע — נטילת ידים — 64
צרעת (לעפּראָסי) — 65
מילה — 66
כלאים — 69
שעטנז — 69
כשוף — 70
דער אונטערגאַנג פון נאַציאָנען — 72
פערברעכען און משוגעת — תורה אַלס רפואה — 75
די געזעצע פון דער תורה זיינען עדות אויף איהר געטליכקייט — 77
די פּסיכאָלאָגיע און עדות־געזעצע — 80
תורה און געוויסען — 81
תורה און זעלבסט קאָנטראָל — 85
די רעזיומע — 90
ביבליאָגראַפיע — 93

# אבאנימענטען

## ואלה יעמדו על הברכה:

מיין דאנק און ברכה צו דיזע לייטע, וועלכע האבען מיר אנפער־טרויט זייערע דאלארס אין אדוואנס און דאמיט געהאלפען די ארויס־געבונג פון מיין בוך:

הנדיב מ. ה. קאץ, פון די ניו־יארק גוירל קאוט קא., נ. י., וועלכער האט מקיים געוועזען די ווערטער פון נביא: „נדרשתי ללא שאלוני".

רבי יצחק סאדין, ברוקלין נ. י.

ש. מענקין, נ. י.

רבי ב. דראכמאן, נ. י.

רבי א. פ. הירמעס

רבי יהודה לייב סעלסקי, חזן, שו"ב, מאונטענדרייל, נ.י.

יצחק טענקמאן, טשעלסי, מאסס.

מ. פאלק, טעמפא, פל.

י. פיינער, ברוקלין, נ. י.

א. שערען פארטסמוטה, ווא.

ל. ריטשארדסאן, דזשעקסאנ־וויל, פל.

ש. גאלדבערג, לואיסוויל

יוסף לעווינסאן, פארטסמוטה

י. ווינער, סאוואנאה, גא.

דזשיי בוירד האשיערי קא., פארטסמוטה, ווא.

ב. סיגאל, ארלאנדא, פלא.

אגודת בחורי־חמד, מאנטגאמערי סטריט, נ. י.

אג. „אור ישראל", נ. י.

עדת בני ישראל, נ. י.

---

מיין עקסטרא דאנק צו דער אגודה „עדת בני ישראל" פיר איהר מאראלישע און מאטעריעלע שטיצע. די אגודה האט, אויסער אלעס, אויפגעפאדערט יעדען פון איהרע חברים צו קויפען צו צוויי ביכער אין אידיש און ענגליש און צו העלפען פערשפרייטען זיי צווישען פאלק, לחזוק תורתנו ודתנו.

די „עדת בני ישראל" איז איינע פון אונזערע וויכטיגסטע אגודות וואס ארבייטען אויפ'ן אידיש־רעליגיעזען און נאציאנאלען געביעט. פילע פראמינענטע מענער צעהלען זיך אלס איהרע חברים.

## אַ וואָרט צום לעזער און קריטיקער

דיזער בוך „תורה באַשטעטיגט פון וויסענ־שאַפט", וועלכען איך פּערעפענטליך יעצט פיר דער וועלט, טראָץ דעם וואָס ער טראָגט אַ וויסענשאַפטליכען נאָמען, בעזיצט אַ מאַסע וויסענשאַפטליכע פאַקטען און בעהאַנדעלט די ענינים אויף אַ וויסענשאַפטליכען וועג, איז דאָך קיין ספּעציפיש־וויסענשאַפטליכע ווערק פיר וויסענ־שאַפטסלייט. דער פערפאַסער זעלבסט איז קיין וויסענ־שאַפטסמאַן און פּרעטענדירט ניט דאַרויף. איך האָב בלויז גענומען אַ געוויסע צאָהל פאַקטען, וואָס די וויסענשאַפט האָט שוין אויף געוויסע געביטען ענטדעקט, וועלכע צו דער זעלבער צייט, האָבען אַ שייכות צו אונזער תורה און בע־שטעטיגען פילע פון איהרע הויפּט געזעצע, און לעג זיי פאָר פאַר דעם לעזער. די וויסענשאַפט איז נאַטירליך ניט אויסען געוועזען די אינטערעסען פון אידישקייט, אָבער דאָס קומט ממילא.

דיזע ווערק איז אַ בוך פיר'ן גרויסען עולם, פיר די ברייטע מאַסען, פיר אַלע קלאַסען און שאַטירונגען, פאַר'ן גאַנצען פאָלק. ווארום די ענינים און פראַגען, וואָס ווערען אין איהם בעהאַנדעלט אָדער בעריהרט, זיינען פון אונגע־הויערער לעבענס־וויכטיגקייט פיר יעדען אידען אַלס פּרט און פיר'ן גאַנצען פאָלק אַלס כלל. דאָס זיינען פראַגען פון וועלכע די עקזיסטענץ פון גאַנצען אידישען פאָלק, ווי אויך דאָס געזונד און וואהלזיין פון יעדען יחיד, איז אבהענגיג.

דיזער בוך בעצוועקט צו בעווייזען:

א) דאָס אין דעם הינטערגרונד, בעסער געזאָגט, אין דעם פונדאַמענט פון די געזעצע און געבאָטע פון אונזער

תורה,ליעגט אויסער דעם געטליכען געבאָט, אַ וועלט מיט וויסענשאַפט וואָס איז שוין ענטדעקט געוואָרען אָדער וואָס ועט נאָך ערסט ענדעקט און ענטוויקעלט ווערען. אַזוי דאָס די וויסענשאַפט בעשטעטיגט ווירקליך די געזעצע פון דער תורה.

ב) דאָס אין דיזע געזעצע און געבאָטע ליעגט דער סוד פון דעם קיום, שטאַנדהאַפטיגקייט, פערהעלטניסמעסיג געזינטערער צושטאַנד און אויסערגעוועהנליכע, כמעט איבערנאַטורליכע לעבענסקראַפט פון אידישען פאָלק.

ג) דאָס דיזע געזעצע און די גאַנצע תורה איז ניט אַ פראָדוקט פון אַ פאַנטאַזיאר, פילאסאף, אונפּראקטישען אידעאַליסט אָדער אַ גרופּע פון אַזעלכע לייטע, אַז איהרע געזעצע זיינען ניט צופעליגע, צוגעטראַכטע צערעמאָניאל-פאָרשריפטען פון עפּיס אַ געזעץ-געבער אָדער רעליגיאָן-גרינדער, ווי עס האָט פּאַסירט מיט אַנדערע רעליגיאָנען און גלויבענס, נור זיי זיינען אַ געטליכער אמת, וועלכע קיין זאַך אין דער וועלט, אפילו קיין וויסענשאַפט קען ניט אָבלייקענען און קיינער קען זיי ניט איבערטרעטען אונבעשטראָפט.

פון דער צווייטער זייט בעצוועקט דער בוך צו אב-האַלטען אויף וויפיעל עס איז מעגליך פילע פון אונזער פאָלק פון די טרפה שפּייזען און אומריינעם פאַמיליען-לעבען מיט וועלכע זיי פעראומרייניגען דעם גוף און נשמה פון זיך זעלבסט און פון זייערע קינדער, אָפט ביז זעלבסט-פערגיפ-טונג.

אין דער לעצטער צייט געפינען מיר זיך אין אַ שרעק-ליך דעמאָראַליזירטען צושטאַנד. דאָס עסען טרפה און נבלה איז געוואָרען אַן אַלגעמיינע הפקרות. עלטערען קענען ניט עסען ביי זייערע קינדער, ברידער ביי שוועס-טער, איין איד ביים צווייטען. און דאָס זעלבע איז מיט

אַנדערע גרונדס-געזעצע און לעבענס-רעגולאַטיוועז פון אונ־זער תורה. פילע עסען שקצים ורמשים און זיי בעגרייפען גאָר ניט וויפיל שלעכטעס און שאדען זיי טהוען צו זיך זעלבסט און צו אַנדערע. פילע פון אונזער אבפאַל פרעדי־גען זאָגאַר צו אָבשאַפען מילה, וועלכעס איז פון די גרעסטע ערצטע אנערקענט אַלס העכסט וויכטיגער היגיענישער מיטעל. און דאָס ווערט ליידער געטאָהן גראַדע אין דער צייט ווען פיעל ערנסט-געזאָנענע ניט-אידען האָבען זיך איבערצייגט אין דעם אמת און היגיעניש-מעדיצינישער נוצבאַרקייט פון אונזערע געזעצע און פאַנגען אָן צו פראַק־טיצירען זיי. פילע קריסטען זיינען מל זייערע קינדער.

עס זעהט אויס, ווי פונקט אונזער אידישע אויפגאַבע וואָלט זיין צו איבערגעבען אונזער תורה צו ניט-אידען און אַליין פערלאָזען איהר.

דיזע קרימינעלע פערנאַכלעסיגונג האָט ליידער אַריינ־געדרונגען אין די טיעפע און ברייטע שיכטען פון פאָלק. עס האָט אָנגענומען אַ מאַסען כאראקטער, און אַ שרעק־ליכע געפאַהר דראָהעט דער גאַנצער עקזיסטענץ פון אונ־זער פאָלק, אויסער וואָס עס שאַפט אַן אונגעהויערען „חלול־השם" פיר דער אויסערליכער וועלט. און אונזערע בעסערע עלעמענטען, וועמעס האַרץ עס בלוטעט פילייכט צוקוקענ־דיג אַלעס, אויסער וואָס זיי זיינען ניט אָרגאַניזירט פיר אַ שטאַרקע אַקציאָן געגען דיזע הפקירות, פערמאָגען זיי ניט די מיטלען מיט וואָס אָבצוהאַלטען די אַנדערע פון דיזע אב־שייליכקייטען. עלטערען קאָנען ניט איבערצייגען זייערע קינדער. אָפט זאָגאַר אידען לומדים בעזיצען ניט די מאָ־דערנע וויסענשאַפטליכע ערודיציע מיט וועלכע צו אויפ־קלעהרען און בעאיינפלוסען זייערע מיט-ברידער. דער דין אַליין און מוסר איז ליידער ניט גענוגענד צו איבערצייגען דעם היינטיגען „דור-דעה".

אמת, ניט אויף אלעמען קען ווירקען אפילו וויסענ־שאַפטליכע אויפקלעהרונג. ניט אַלעמען קען מען גרייכען מיט וואָרט אָדער שריפט. נאַטירליך פערמאָגען מיר אויך אַ צאָהל אידען, וואָס זיינען „מומרים להכעים", וואָס זיינען „מכון למרוד". זיי ווייסען וואָס מען מעג און וואָס מען טאָהר ניט. נור זיי ווילען ניט טראָגען קיין יאָך. זיי לעבען אָהן איבערלעגונג, אָהן רעכענונג, נור מיט'ן מאָמענט, לויט זייערע פהיזישע געפיהלען, לוסט און טהיערישע ליידענ־שאַפטען וואָס בעהערשט זיי אויף דער רגע. מיט אַזעלכע איז ניט צו מאַכען. זיי קאָן מען מיט געוועהנליכע מיטלען ניט העלפען. אויף זיי קאָן מען בלויז זאָגען די ווערטער פון תלמוד: „הלעיטהו לרשע וימות" — שטאָפּ אָן דעם רשע און זאָל ער שטאַרבען.

די מעהרסטע זיינען אָבער אַזעלכע וואָס טהוען עס פון אונוויסענהייט, אָדער אונטער דעם איינפלוס פון ניט פאַ־סיגע געזעלשאַפט, אַלס מאָדע אדער אין נאָמען פון מאָדער־ניזם. אויף דיזע קאָן מען זעהר אָפט ווירקען מיט גוטע אויפקלעהרונג און איבערצייגענדע בעלעהרונג. און אָט פון דיזע וועגען איז דיזע ווערק געשאַפען. דאָס איז אַ וויסענשאַפטליכע אויפקלעהרונג, אַ גייסטיג מאָראַלישער אינסטרומענט אין די הענד פון די וועלכע ווילען טאָהן עפּיס פיר אידישקייט, פיר זייערע קינדער, פערוואַנדטע, פריינד, בעקאַנטע און פיר אידען אין אַלגעמיין.

דאָס איז אַ בוך פון זעלבסט בעלעהרונג פיר אַלע קלאַסען און פאָלקס־שיכטען.

די טהעמא פון דיזען בוך איז אַזוי גרויס און ברייט, דאָס עס איז אַן ארבייט ניט פיר קיין יחיד אָדער אפילו אַ גרופע פערזאָנען. דאָס איז אַן ארבייט פיר דורות, פיליי־כט אונענדליך, ווייל די תורה איז אונענדליך, עבענזאָ איז די וויסענשאַפט. דער וויסענשאַפטליכער מעטהאָד פון אויפ־

קלעהרען אונזער תורה האָט זיך פערהעלטניסמעסיג ניט לאַנג אָנגעפאַנגען. נייע וויסענשאַפטליכע ענטדעקונגען און פאַקטען וואָס ערקלעהרען און בעשטעטיגען אונזער תורה קומען צו מיט יעדען טאָג. אָבער יעדע זאַך וואָס ווערט געטאָהן אויף דיעזען געביעט איז וויכטיג און נויטיג.

האָפענטליך וועט אויך דיזע קליינע ווערק טאָהן איהר חלק גוטעס.

און זאָלען יעצט קומען די „אנשי המעשה", יחידים און אָרגאַניזאַציאָנען און טאָהן זייער חלק ארבייט פיר דער פערשפּרייטונג פון דיזען בוך, פיר די רעטונג פון די קערפערס און נשמות פון די קינדער פון אונזער פאָלק.

און צוזאַמען מיט דער נבואה, וואָס הויבט יעצט אָן צו מקוים ווערען: „לא ירעו ולא ישחיתו בכל הר קדשי, כי מלאה הארץ דעה את ד' כמים לים מכסים" (ישעי' י"א ט') — זיי, די חיות (און חיות-מענשען), וועלען קיין שלעכטעס טאָהן און וועלען ניט פערדאַרבען אויף מיין גאַנצען הייליגען באַרג ווייל די וועלט וועט פול ווערען מיט וויסען גאָט, אַזוי ווי דאָס וואַסער פאַרדעקט דעם ים-גרונד, וועט זיכער אויך מקוים ווערען די נבואה: „והשיב לב אבות על בנים ולב בנים על אבותם" (מלאכי ג' כ"ד) — און ער וועט אומקעהרען דאָס האַרץ פון די עלטערען אויף זייערע קינדער און דאָס האַרץ פון די קינדער אויף זייערע עלטערען.

**דער פּערפאַסער.**

# ערקלעהרונג!

א) אַלס ערסטע אויפלאַגע איז מעגליך דאָס עס זאָלען זיך אַריינכאַפּען מאַנכע טעות'ן און פעהלערען. איך וועל מיט דאַנקבאַרקייט אויפנעהמען יעדע בעמערקונג און פריינדליכע אָנצייגונג אויף וועלכען עס איז פעהלער אָדער טעות, וואָס יעמאַנד וועט מיר אָנצייגען אין דיזען בוך, אום איך זאָל עס קאָנען אויסבעסערען אין דער צווייטער אויס־גאַבע.

ב) איך האָב געזוכט מיט אַלע מעגליכקייטען צו אָנ־געבען די מקורים פון וואַנען איך האָב גענומען אָדער צי־טירט די פערשיעדענע פאַקטען און שטעלען אין דיזען בוך, אָבער מאַנכע ציטאַטען און מקורים זיינען מיט דער צייט ביי מיר פערלאָרען געגאַנגען. איך בעט אַלזאָ מען זאָל מיר ניט חושד זיין אַז איך האָב עס געטאָהן מוטוויליג, ווייל איך וויל ניט זיין אַ „מביא גאולה לעולם".

ג) אין דיזען בוך געפינען זיך מאַנכע שטעלען, צו וועלכע אונזער אנשטענדיגער לעזער איז ניט געוואהנט צו פערהאַנדלען אין דער עפענטליכקייט, און וועלכע מאַנכע עסטהעטיקער און מאָראַליסטען וועלען פיעלייכט בעטראַכ־טען אַלס צו דעליקאַט צו רעדען וועגען זיי צום אַלגעמיינעם לעזער, צווישען וועלכע עס קאָנען זיך געפינען גאַנץ יונגע מענער און פרויען.

איך בין געוויס ניט פון די וואָס האַלטען אַז אין נאָמען פון קונסט אָדער פון וועלכען עס איז אַנדער קלינגענדען נאָמען מעג מען איבער אַלעם רעדען אָפען און דייטליך. דיזער געדאַנק פיהרט צו פאָרנאָגראַפיע (נבול פה) אין ליטעראַטור און

אבשייליכקייט אין קונסט, וואס ווערט פראקטיצירט פון געוויסע סאדיסטשע נאוועל־שרייבערס און קינסטלער, וועל־כעס איז אבסאלוט שעדליך און אבשייליך, און שטרענג פער־באטען פון אונזער תורה און תלמוד.

דאך טאהרען מיר ניט אריינפאלען אין א צווייטען עקסטרים, צו אויסמיידען יעדע נויטיגע אויפקלעהרונג, איבער דעם וואס מען מוז בעריהרען געוויסע דעליקאטע טהעמאס און בענוצען געוויסע אויסדריקע. זעהר אפט זיינען געוויסע אפענע און דייטליכע אויפקלעהרונגען, ווען זיי זיינען געמאכט אויף א פארזיכטיגען אופן, זעהר נויטיג און נוצליך. פילע, גאנץ וואהלע קינדער און יונגע מענ־שען פאלען אריין אין געוויסע זינד, בלויז איבער דעם וואס זיי ווייסען ניט, אז דאס וואס זיי טוהען איז דאס די עברה, וועגען וועלכע זיי האבען געלערענט אדער געהערט. דאס וואלט אפט געקענט פערמידען ווערען, ווען זיי וואלטען בעקומען די ריכטיגע אויפקלעהרונג און בעגריעף וועגען דעם.

דארט וואו עס האנדעלט זיך וועגען דין און וועגען פערהיטען מענשליכען מאראל, געזונד און לעבען, זיינען מיר מחויב צו געבען די מעגליכסטע אויפקלעהרונג אויף אזוי פיל דייטליך, אויף וויפיל עס ערלויבט אונז דער גע־פיהל פון צניעות און שפראכליכע ריינליכקייט. אזוי האט געטאהן אונזער תורה, נביאים און תלמוד, און אזוי טוהט אויך די וויסענשאפט. און דאס ווערט געטאהן אין דיזען בוך, וועלכער לויט זיין צוועק און אינהאלט מוז בעהאנדלען און בעריהרען אזעלכע טהעמען, וואס זיינען זעהר דעליקאט לויט זייער אינהאלט, אבער העכסט נויטיג און וויכטיג לויט זייער ראלע וואס זיי שפילען אין אונזער לעבען. דאס זיינען „דברים העומדים ברומו של עולם" און מיר זיינען מחויב צו בעהאנדלען זיי. עס מעגען זיי לעזען אפילו גאנץ יונגע מענשען.

ד) אנצייגענדיג די שעדליכע שטאָפען וואָס געפינען זיך אין די פערבאָטענע, ביי אונזער תורה, שפייזען בעצוועק איך ניט צו זאָגען אַז די געזעצע פון דער תורה זיינען גע־געבען בלויז מיט'ן צוועק צו פערהיטען מענשענס געזונד, דאָס וואָלט זיין ניט ריכטיג. די תורה איז ניט אַ מעדיציני־שער אָדער היגיענישער בוך. אין די געזעצע זיינען פאַראַן פיל העכערע צוועקען און טעמים. דער העכסטער צוועק איז צו ערפילען זיי, וויל זיי זיינען געבאָטע, מצוות פון גאָט. קיין העכערער צוועק דאַפון איז ניטאָ און וועט ניט זיין. מיר זיינען מחויב צו ערפילען זיי דאַן, אפילו ווען אונז דאַכט זיך אַז זיי זיינען שעדליך אָדער אונזיניג. אברהם אבינו איז געגאַנגען זאָגאַר שעכטען זיין אייגענעם איינצי־גען זוהן אום צו ערפילען דעם ווילען פון גאָט. מיין צוועק איז צו בעווייזען אַז אונערע געזעצע זיינען אמת פון נאַטיר־ליכען און וויסענשאַפטליכען שטאַנדפונקט; אַז די נאַטור און וויסענשאַפט בעשטעטיגען זיי; און אויך, אַז אין זיי איז פערבאָרגען די נאַטירליכע פערהיטונג און פערמיידונג פון אונזער נאַציאָן פון שעדליכע שטאָפען, פיר די געזונד־הייט און פאָלקאָמענהייט פון אונזער קערפּער און גייסט.

געווים איז די געזונדהייט און וואהלזיין פון מיין פאָלק ביי מיר זעהר און זעהר טהייער, און דאָס איז אויך איינער פון מיינע צוועקען אין דיזען בוך. עס טהוט זעהר וועה צו זעהן אידען פערשטאָפּענדיג זייער גוף און נשמה, מוח און רוח, מיט די שפייזען פון שעדליכע און העסליכע בעשע־פעניסען. דער חלול־השם איז ליידער זעהר גרוים. דאָס מוז אויפהערען. אָבער דאָס קאָן ניט דערגרייכט ווערען אָהן דאס וויסען און גלויבען אין דעם אמת פון אונזער תורה. דער איד וואָס וויל דוקא זיך מטמא זיין מיט נבלה וטרפה, דער וואָס וויל זיין דאָס וואָס שלמה המלך האָט גע־זאָגט: „כסיל עובר ובוטח“ (משלי) — אַ נאַר טרעט איבער און איז נאָך זיכער (אַז עס וועט איהם גאָר ניט זיין...) מעג ער עס זיין. אונזער פפליכט איז צו טאָהן וואָס מיר

קענען אום צו אויפקלעהרען און איבערצייגען, צו וועקען דעם אידישען געוויסען, די אידישע נשמה אין דעם אידען. און לאָמיר האָפען, דאָס דיזער בוך וועט העלפען פילע אידען וואָס וועלען איהם לעזען.

ה) אין אָנפאַנג פון בוך וועט דער לעזער געפינען אַן אינהאַלטס-פערצייכענונג. דער לעזער, וועלכער האָט קיין צייט אָדער געדולד צו לעזען כּסדר דעם גאַנצען בוך, קאָן זיך אויסקלייבען יעדען קאַפּיטעל, וואָס איהם אינטערעסירט. ווייל כמעט יעדער קאַפּיטעל, טראָץ זיין פערבינדונג מיט'ן גאַנצען בוך, איז אַ פאָלקאָמענער ענין פיר זיך.

דער פערפאַסער.

## אָפּאָזיציע צו תורה

אין אַלע דורות, זינד די תורה איז געגעבען געוואָרען צום אידישען פאָלק, האָבען זיך געפונען מענשען, איי גענע און פרעמדע, פון יעדער גרויס און שטאַנד, וועלכע האָבען בע־הויפּטעט דאָס אונזער תורה שטימט ניט מיט דער וויסענ־שאַפט, מיינענדיג דאַבּיי, דאָס די וויסענשאַפט איז אונפעהל־באַר, מסתמא איז דאָך די תורה ניט אמת.

נאַטירליך רעדט יעדערער פון דער וויסענשאַפט פון זיין צייט.

מיר קוקען יעצט אויף פילע צווייגען פון דער וויסענ־שאַפט פון די פערגאַנגענע דורות ווי אויף עוף־עליך. פילע טהעאָריעס פון אַמאָליגער וויסענשאַפט זיינען שוין לאַנג פער־שוואונדען פון די הימלען דער וויסענשאַפט. און דאָך האָבען זייערע דאַמאָלסדיגע פאַרשטעהער, די וויסענשאַפטסלייטע, גערעדט אין׳ם נאָהמען פון יענע וויסענשאַפטען מיט פולער אויטאָריטעט בעשטימטהייט אַלס אונבּאַשטרייטבּאַרע אמת׳ן.

נאַטירליך אויך אין אונזער דור, וועלכער גלויבּט דאָס ער האָט עררייכט די העכסטע שטופע פון וויסענשאַפט, געפינען זיך פילע, וועלכע ווילען אונז איינשמועסען, דאָס תורה מיט וויסענשאַפט קאָנען אויף קיין פאַל האַנד אין האַנד ניט געהן; דאָס די וויסענשאַפט צושטערט די אמת׳ען פון דער תורה.

היינטיגער דור, פונקט ווי דער דור־המדבר, קאָן ווירק־ליך אַנגערופען ווערען „דור דעה״. דער דור פון וויסענשאַפט, ד. ה. אַ דור וואָס פערגעטערט כלומר׳שט די וויסענשאַפט, וואָס ריהמט זיך און פוצט זיך מיט איהר. דיזע מיינונג דאָס די וויסענשאַפט איז אַלעם דערגרויכט אָפט צו דער מדרגה פון אַ גלויבען, אַ רעליגיאָן. יעדער רעדט אינ׳ם נאָהמען פון דער

וויסענשאַפט. יעדער, פון דעם מאַן וואָס האָט דורכגעמאַכט אַ קאלעדזש, ביז דעם יונגלינג וואָס האָט איבערגעלייענט אַ פּאָר פּאָפּולאַר־וויסענשאַפטליכע בראָשיורעס און האָט זיך ערסט דערוואוסט, אַז דער מענש איז אַ „כעמישע לאַבאָראַטאָריע" און אַז די ערד שטעהט נישט אויף די „הערנער פון דריי אָקסען", און ביז דער מיידעל וואָס האָט דורכגעלייענט אַ פּאָר ראָמאַנען, מיינען אַז זיי זיינען „וויסענשאַפטסלייט" און אַז זיי שטעהען העכער פון די „נאַרישקייטען" וואָס הייסען רעליגיאָן.. ביי דיזע לייטע איז רעליגיאָן, תורה אַן אויסדרוק פון עטוואָס אָבגעשטאַנענעס, אָבגעלעבטעס, מיט וועלכע אַ מענש קאָן נישט זיין מאָדערען, היינט־וועלטיג. עס איז נישט קיין פראַגע אויף וואָס זייער מיינונג איז געבויט, אויב זיי האָבען געלערענט און ווייסען די תורה, וועלכע זיי בעקעמפּפען און בעשפּאָטען, אויב זיי בעזיצען טאַקי ווירקליך עטוואָס וויסענשאַפט. זיי זיינען אַ „דור דעה" פון צוואַנגסטען יאָהר־הונדערט, וועלכער „גלויבט" אין דער וויסענשאַפט. און זיי האָבען געהערט דאָס די וויסענשאַפט צערשטערט די אמת׳ען פון דער תורה און דאָס איז גענוג פיר זיי.

וויסענשאַפט איז אַריין, ווי מען זאָגט, אין שוסטער־גאַס. עס איז געוואָרען אַ סטייל, אַ מאָדע, אַ ציערונג. און מאָדע איז אימער איינע פון די מעכטיגסטע מעכטע פון דער וועלט.

מען נוצט אויס די „וויסענשאַפט" אויף אַלע זייטען, פיר אייגענע, אָפט זעלבסט־זיכטיגע צוועקען. מיט איהר פערענטפערט מען אַלעס, פערדעקט מען אַלעס. און דאַמיט דיסקרעדיטירט מען דער אמת׳ער וויסענשאַפט. פונקט דאָס זעלבע האָט מען אַמאָל געטאָהן מיט רעליגיאָן און מיט אַלע אַנדערע ערהאבענע אידעען.

די וויסענשאַפט זעלבסט, איז אין דעם גאָר נישט שולדיג. זי איז אימער די עדעלע פרינצעסין, געשעצט און געאַכטעט ביי גאָט און ביי לייטען. אָבער געוויסע מענשען זיינען מחלל איהר כבוד.

עס גיעבען אָבער ווירקליך מאַנכע פּערזענליכקייטען, וואָס האָבען אַ רעכט צו פּרעטענדירען אויף וויסענשאַפט, וועלכע בעקעמפפען אונזער תורה. און עס איז דעריבער זעהר וויכטיג צו בעטראַכטען די פראַגע און זעהן, אויף וויפיעל זייערע בעהויפּטונגען, אַז וויסענשאַפט ווידערשפּרעכט און צושטערט די אמת׳ן פון דער תורה, שטימען מיט דער ווירקליכקייט.

איך נעהם זיך ניט אונטער אין דיעזער העפט צו ענטפערען אויף אַלע אַרגומענטען פון די סקעפּטיגער. וועגען דעם איז גענוג געשריבען געוואָרען. איך וועל זיך דאָ אָבשטעלען בלויז אויף פאָלגענדע הנחות, וועלכע מיר וועלען, צוזאמען מיט׳ן לעזער, בעטראַכטען און זוכען צו ענטפערען.

### ד י  ה נ ח ו ת

1) אונזער תורה, אַלע איהרע געזעצע, ניט נור שטימען מיט דער וויסענשאַפט, נור איז דער רעזולטאַט, דער קווינטעסענץ פון דער וויסענשאַפט, אפילו מיט טויזענדער יאָהרען שפּעטער.

2) די געזעצע פון דער תורה זיינען נאַטירליך, ד. ה. זיי שטימען מיט די געזעצע פון דער נאַטור, אָדער, לויט ווי דער תלמוד ערקלערט, זיינען די נאַטור־געזעצע געשטעלט לויט דער תורה. („נמלך הקב״ה בתורה איך לברוא את עולמו״ מד״ר בראשית. „אם בחקותי תלכו: חקים שחקקתי לכם במעשה בראשית״ מ״ר ויקרא).

3) די תורה איז געטליך.

## צוויי שטראָמען

אין דער וועלט פון אידעען און מאַראַל זעהען מיר צוויי שיטות, אַזוי ווי צוויי פּאַראַלעלע שטראָמען פליסען זייט ביי זייט. די שיטה פון וויסענשאַפט, פון פאָרשונג און עקספּערימענטירונג און די שיטה פון דער תורה. די גאַנצע וועלט,

די גרויסע מענשהייט האָט אָנגענומען די ערסטע שיטה: צו ערסט לערנען, פערשטעהן, אויסגעפינען, וויסען, און נאכהער טאָהן ערפיהלען, פראַקטיצירען. דאָס קליינע אידישע פאָלק אונטערשיידעט זיך פון דער גאַנצער וועלט, און נאָך מיט דריי און אַ פיערטעל טויזענד יאָהר צוריק, זיינען די אור־עלטערען פון די היינטיגע מאָדערנע אידען אַוועק מיט'ן צווייטען שטראָם, מיט דעם וועג פון דער תורה, און האָבען געזאָגט: „נעשה ונשמע", מיר וועלען צו ערסט טאָהן, מקים זיין, פראַקטיצירען די געזעצע פון דער תורה און נאכהער פערשטעהען דעם שכל און טעם פון זיי.

פון יענעם גרויסען מאָמענט זיינען שוין דריי און אַ פיערטעל טויזענד יאָהר אין דעם ים פון פערגאַנגענהייט פערפלאסען. אונצעהליגע מענשען פון הונדערטע דורות האָבען געלערענט, געזוכט, געפאָרשט, עקספערימענטירט, געשאַפען טהעאָריעס, געגרינדעט רעליגיאָנען, סיסטעמען פון לעבען, ביז אַם ענדע האָט די מענשהייט דערגרויכט די זעהר הויכע שטופע פון וויסענשאַפט, אַריינגעדרונגען אין די טיעפסטע סודות פון דער נאַטור און ענדעקט פילע זאַכען, וואָס קיין דור בעפאָר האָט זאָגאר ניט גע'חלומ'ט. און דאָך פאָלגען זיי ניט אוים די רעזולטאַטען פון זייערע אייגענע פאָרשונגען. און דאָס קליינע אידישע פאָלק האַלט נאָך אַלס אין פראַקטיצירען דעם „נעשה ונשמע".

עס איז אַלזאָ יעצט די העכסטע צייט צו ציהען אַ שטריך אונטער דיזע צוויי שיטות, צו אונטערפיהרען דעם באַלאַנס, און זעהן וועלכע פון זיי איז גערעכטער, אמת'ער און בעסער.

דאָס ערסטע וואָס מיר דאַרפען טאָהן איז צו דעפינירען דעם וואָרט „וויסענשאַפט". **וואָס איז וויסענשאַפט?**

עס גיבען פערשיעדענע דעפיניציאָנען פון וויסענשאַפט. מיר ערלויבען זיך צו געבען אונזער דעפיניציאָן, וואָס איז מעהר צוגעפאַסט צו אונזער טהעמא. אונטער דעם וואָרט „וויסענשאַפט" קען פערשטאַנען ווערען, די וואַהר־

הייטען און געזעצע, וואָס ווערען ארויסבעקומען פון אָדער באַזירט אויף די מאַסע אָנגעזאַמעלטע פאַקטען, עקספּערימענטען און בעאָבאַכטונגען אין אַלע צווייגען פון דער נאַטור און מענשליכען לעבען, די בעלויכטונג פון זיי און זייער בענוצונג אין לע-בען. די אידעען וואָס קאָנען ניט בעוויזען ווערען דורך עקספּערימענטען זיינען בלויז טהעאָריעס אָדער היפּאטעזען (השערות).

עס גיעבען צוויי סאָרטען וויסענשאַפט: 1) די פּאָזי-טיווע, עקספּערימענטאַלע וויסענשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף פעסט-געשטעלטע פאַקטען, די הנחות (סטייטמענטס) פון וועלכע עס קענען אויסגעפּרובירט און בעוויזען ווערען, און 2) די ספּעקולאַטיווע וויסענשאַפטען, וואָס קאָנען ניט בע-וויזען און בעשטעטיגט ווערען עקספּערימענטאַליש מיט פאַק-טען.

צו די ערסטע בעלאַנגען די מאַטעמאַטישע און נאַטור-וויסענשאַפטען, ווי מאַטהעמאַטיקע, פיזיאָלאָגיע, פיזיקע, כעמיע, אַסטראָנאָמיע א. ד. ג.

צו דער צווייטער קאַטעגאָריע בעלאַנגען פילאָסאָפיע, טהעאָלאָגיע, געאָלאָגיע (אין אַ געוויסען גראַד), ביבעל-קריטיק, א. ד. ג.

די ערסטע בעשטעטיגען אונזער תורה. די צווייטע ביל-דען אָפט אַן אָפּאָזיציע צו דער תורה און רעליגיאָן און פיהרען אָפט צו אונגלויבען, פערניינונג פון תורה און צו הפקרות.

פילע טהעאָריעס, אפילו אין די פּאָזיטיווע וויסענשאַפ-טען, זיינען ניט שטאַנדהאַפט און ענדערען זיך פון צייט צו צייט. עבען זאָ זיינען די פאַכמענער פון דער וויסענשאַפט, וועלכע זיינען אָפט סותר איינער דעם צווייטען. פּונקט ווי דער תלמוד דריקט זיך אויס: „זה אוסר וזה מתיר“.

דאַרווין אין זיין צייט האָט כמעט איבערצייגט די גאַנצע וועלט, אַז די מינים פון לעבעדיגע בעשעפעניסען האָבען זיך ענטוויקעלט איינער פון צווייטען ביז דעם איינצעלנעם ערס־טען אורשפרונג, די איינצעליגע בעשעפענים, און דאָס דער מענש און די העכערע אפען זיינען פערוואַנדעט דורך איין אַלגעמיינעם פאָרפאַטער. קומען יעצט אַנדערע פאָר־שער און צייגען אויף דעם הפך, דאָס אפען קומען אַרוים פון מענשען. (אַזוי איז אויך די מיינונג פון זהר, בראשית). קומען נאָך אַנדערע געלעהרטע און באַהויפטען דאָס מענשען קומען גאָר אַרוים פון פיש (דר. וו. פ. גרעגאָרי פון אַמעריקאַן נייטוראַל מיוזעאום).

דר. וויליאַם ק. גרעגאָרי, אַסס. פּראָפעסאָר פון קאָ־לומביע אוניווערסיטעט און קוראַטאָר פון „אַמעריקאַן מוזעאום אָוו נאַטוראַל היסטאָריע", אין זיין בוך: „דהי ארידזשין ענד עוואָלושאָן אָוו די היומען דעטענשאָן", ציהט די אור־שפּרינגליכע אָבשטאַמונג פון מענשען און מאַמעלס (זויג־טהיערע) פון פיש, ד. ה. ים־בעשעפעניסען. לויט זיין מיינונג זיינען די יבשה־בעשעפעניסען ניט געווען קיין זעלבסט־שטענדיגע בעשאַפונג, נור זיי האָבען זיך ענטוויקעלט גראַ־דענווייז, אין פערלויף פון מיליאָנען יאָהרען, פון די ים־בע־שעפעניסען. די נידריגע ים־בעשעפעניסען האָבען זיך לאַנג־זאַם ענטוויקעלט אין העכערע מינים, דיזע אין נאָך העכערע, מאַנכע פון זיי האָבען באַקומען אָרגאַנען פּאַסיג צו לעבען אויף דער יבשה, און פון דיזע ערסטע יבשה מינים האָבען זיך ביסליכווייז ענטוויקעלט, איינע פון די אַנדערע, אַלע איבריגע מינים, ביז די אַפען און מענשען.

די תורה לערענט אונז אויך דאָס די ים־חיות זיינען באַ־שאַפען געוואָרען בעפאָר די ערד־חיות. דאָס איז אויך נאַ־טירליך, ווארום די ערד איז פאָרמירט געוואָרען שפּעטער און איז געוואָרען פערטיג פיר „לעבען" ערסט אין פינפטען פעריאָד. עס זיינען אָבער ניטאָ קיינע בעווייזע און קיין רעזאָן צו זאָגען, דאָס די ערד באַזיצט ניט די קראַפט צו פּראָ־

דוצירען „לעבען“ פונקט ווי די וואַסער, אַזוי ווי די תורה לערנט אונז.

דר. פראַנסיס ג. גרוקשאַנק, דענקט אַז עס גיעבען דריי מענשליכע אורשפּרונג-אָבשטאַמונגען. אין זיין בוך „דער מאָנגאָל אין אונזער מיטע“ *. טהיילט איין די מענשהייט, ווי אויך די העכערע סאָרטען אַפּען אין דריי ראַסען, יעדע פון וועלכע האָט אַ באַזונדערען אורשפּרונג. ער זאָגט נעמליך:

„עס גיבען דריי אָבשטאַמונגען: די מאָנגאָלישע און אוראַנג-אוטאַנג; די סעמיטישע און שימפּאַנזע; די נעגרישע און גאָרילאַ. דיזע אַלע דריי טיפּען, זאָגט ער, געפינען זיך אין לאָנדאָן צווישען די ווייסע“*. אגב אורחא מאַכט ער צו נישט די טהעאָריע וועגען די נאַרדיקס *.

רעדענדיג וועגען פערשיעדענע טהעאָריעס פון עוואָלוציע, זאָגט ער: „אין דער וויסענשאַפט, קיין סיסטעמע פון אַנטראָפּאָלאָגיע, וואָס פעראַכטעט די דאָגמאַ פון מענשליכע עוואָלוציע פון אַן אַפּע, האָט אין אונזער צייט קיין אינטערעסע. דאָך, עס זיינען פאַראַן אַזוי פיעל סקימס פון עוואָלוציע, וויפיל עס זיינען פאַראַן אַנטראָפּאָלאָגען“ *. ער ציטירט אויך עטינעע געאַפּרוי, וועלכער זאָגט: „אַלע סיסטעמען זיינען ניט פאָלקאָם. די פאָלקאָמע סיסטעמע קען גאָר ניט עקזיסטירען“ *

דר. גרוקשאַנק שרייבט ווייטער: „אונטער דיזע אומשטענדען קענען מיר פונקט אַזוי אַדאָפּטירען די השערה אָדער גלויבען (פון ביבעל) פון אַ בעשאַפונג אורשפּרונג און אַ שפּעטערע צושפּרייטונג אין סעמיטישע אָדער ווייסע ראַסע; חם׳ישע אָדער שווארצע; יפת׳ישע אָדער געלע ראַסע“. און גיט באַלד צו שפּאַסזאַם: „איך בין זיכער אַז

* Dr. Francis G. Grookshank, The Mongol in our Midst.

* זייטע 107, 105, 100, 99, 98.

* זייטע 102.

* דער זעלבער, זייטע 107.

* זייטע 111.

דאָס איז ניט דער וואונש פון די מאָדערנע אנטראפאלאגיס־טען" *, אָבער מיר מעגען גלויבען, אַז דאָס וואָס איז היינט ניט דער וואונש פון די מאָדערנע אנטראָפּאלאגיסטען, קען ווערען דער פעסטער אמת פון די צוקונפט־מאָדערנע אנטראפאלא־גיסטען.

מעגליכער פון אַלעם איז דאָס אַלע מיינונגען זיינען עקסטרימען און די שילדערונג פון דער תורה איז דער אמת. די הויפּט מינים זיינען באַשאַפען געוואָרען זעלבסטשטענדיג. פיר די לעצטע עטליכע טויזענד יאָהר, זינד די מענשהייט גע־דענקט זיך, איז נאָך קיין איינציגע ראדיקאַלע ענדערונג אין די מינים ניט בעמערקט געוואָרען. טויזענדער יאָהרען לעבען דער פערד, דער הונד און אַנדערע הויז־חיות צוזאַמען מיט'ן מענשען אין גאַנץ אַנדערע בעדינגונגען פון זייערע ווילדע ברידער און דאָך איז צווישען זיי קיין ראדיקאַלער אונטער־שיעד ניט געשאַפען געוואָרען.

פאַר אַ צייט פון אַ פּאָר הונדערט יאָהר, האָבען אַלע געלעהרטע געהאַלטען די טהעאָריע פון סער אייזעקס ניוטאָן וועגען גראַוויטאַציע אַלס אונפעהלבאַר. נון, קומט יעצט דער איד איינשטיין און ווייזט אויף געוויסע טעות'ן אין זיין טהעאָריע, און אַלע געלעהרטע נעהמען איהם אָן.

ביז אַהער איז געווען אָנגענומען אַלס אַ פאַקט די טהע־אָריע, אַז די היץ פון דער ערד פראָגרעסירט מיט איהר טיעפ־קייט, אַזוי דאָס דער צענטער פון דער ערד איז אין אַ צושמאָל־צענעם צושטאַנד און דאָס איהר קאָרע, די שאלאכץ איז צווי־שען 75—170 מייל דיק. קומען יעצט געוויסע געלעהרטע און צייגען אויף דאָס די גאַנצע ערד דורך און דורך איז איין סאלידע מאסע *.

ביז היינטיגען טאָג האָט יעדער „בר בי רב" געוואוסט, אַז וואָס העכער אין דער לופט אַלס קעלטער איז עס, און אַז

* זייט 109.

* Evolution of the Earth, by George S. Glasson, Nutshell Pub. Co., Chicago.

אין די ספערען, העכער פון דער לופט, הערשט אַן אַבסאָלוטע קעלט פון אַרום 450 גראַד אונטער זעראָ. די טהעאָריע איז געװען געבױט אױף געװיסע פאַקטען און בעאָבאַכטונגען. יעצט זײנען אַרױסגעקומען גרױסע געלעהרטע מיט דער בעהױפּטונג, דאָס אין דעם הימעל־רום צװישען די שטערען עקזיסטירט אַ היץ פון אַכצעהן טױזענד גראַד *.

## פילאָסאָפיע, װיסענשאַפט און השערות

דער זעליגער דר. דוד נײמאַרק האָט אײנמאָל אין אַ לעקטשור אַרױס געזאָגט די מײנונג: דאָס אין דעם עצם פון גאָט איז פאַראַן שטאָפליכקײט (חמר). װײל גײסט קען קײן שטאָף ניט בעשאַפען. אױף דער פראַגע: דאָס בעגרענעצט דאָך די גאָטהײט, עס בעגרענעצט די מעגליכקײטען פון דעם שעפער, האָט ער ניט געהאַט װאָס צו ענטפערען. ער איז אָבער דאָך דער װיסענשאַפטסמאַן און זײנע װערטער װערען אָנגענומען אַלס װיסענשאַפט.

## ביבעל - קרטיק

דער זעליגער דר. נ. סירקין, האָט אַמאָל געלעקטשורט פיר די מעמבערס פון אַרבײטער רינג װעגען ביבעל קריטיק, און האָט געזוכט צו בעװײזען דאָס יחזקאל האָט געשריבען ספר ויקרא, װײל אין זײן ספר געפינען זיך מאַנכע דינים פיר די כהנים און בית־המקדש, און דאָס ירמיהו האָט געשריבען ספר דברים, װײל אין דברים געפינען זיך קלײנע ענדערונגען אין די „עשרת הדברות" און אױך אין דעם סגנון פון דער שפּראַך. (דאָס זײנען די באַװאוסטע מײנונגען פון די גױ׳אי־שע ביבעל־קרטיקער, װעלכע זוכען אַרונטער צו רײסען די הײליגקײט פון אונזער תנ"ך). אױף מײן פראַגע: די תורת כהנים פון ספר יחזקאל װידערשפּרעכט דאָך די תורת כהנים פון ספר ויקרא, אױף אַזױ פיל, דאָס די „אנשי כנסת הגדולה"

* Prof. A. S. Edington, The Internal Constitution of the Stars.

האָבען געוואָלט בעהאַלטען דעם ספר יחזקאל (שבת י"ג: ל׃), און דאָס יאשיהו, וועלכער האָט געלעבט פאַר ירמיהו, האָט שוין געוואוסט פון דער תוכחה, וואָס געפינט זיך איןביידע, אין ויקרא און אין דברים; ירמיהו רעדט אַזוי פיל פון תורת משה! אויך פון דעם סטיל איז קיין ראיה, ווייל די טהעמאס זיינען פערשיעדען; וועגען דעם אונטערשיעד אין די עשרת הדברות רעדט די גמרא גאַנץ זאכליך (רה"ש כ"ז.) און נאָך אַזעלכע אַרגומענטען, וואָס כמעט יעדער איד ווייס, האָט ער געענטפערט: ווער, אָבער אַן השערה מעג מען דאָך זאָגען...

אַלזאָ מיט אַן השערה וויל מען מבטל זיין אַ „תורת חיים", אָבער די אַרבייטער פון אַרבייטער-רינג, נעהמען אָן די השערה פיר אַ „תורת-אמת", געגען תורת משה, ווייל דער „געלעהרטער" דר. סירקין זאָגט עס. און וואָס ער זאָגט איז דאָך וויסענשאַפט. דאָס רוב פון פילאָסאָפיע און ביבעל-קריטיק איז דאָך געבויט אויף השערות.

## דער סדר הבריאה און געאָלאָגיע

דאָס זעלבע איז מיט „מעשה בראשית", מיט דער בע-שאַפונג פון דער וועלט אין דער תורה. די האַלב-געבאַקענע בראָשיורע-געלעהרטע נעהמען זיך אָן מיט השערות פון גע-אָלאָגיע און אַנדערע טהעאָריעס און דענקען דאָס מיט זיי קאָנען זיי צושמעטערען און צוברעכען די „מעשה בראשית" פון דער תורה.

געאָלאָגיע — די לעהרע וועגען דער ערד — איז פער-העלטניסמעסיג אַ יונגע וויסענשאַפט. איהרע געלעהרטע זיינען נאָך צווישען זיך ניט פערטיג געוואָרען מיט זייערע מיינונגען וועגען דער בריאה. מאַנכע זיינען סותר איינע די אַנדערע. אַ היבש ביסעל פון זייערע הנחות זיינען בלויז היפּאָ-טעזען, השערות. דאָך דער „סדר הבריאה" פון דער תורה שטימט מיט די אַלגעמיינע לעהרען פון געאָלאָגיע.

די וויסענשאַפט פון געאָלאָגיע לערענט אונז:

די ערד, פונקט ווי אַלע אַנדערע פלאַנעטען פון דער זון־סיסטעם, איז אַן אָבגעריסענע שטיק פון דער זון, וועלכע איז אָנפאַנגס געווען אַ שטיק פייער־קוגעל. נאכהער האָט עס זיך אָבגעקיהלט און געוואָרען דאַמפף, גאַז. די וויטערע אבקיהלונג האָט עס פערוואַנדעלט אין וואַסער. נאכהער האָבען זיך קריסטאַליזירט די האַרטע עלעמענטען און עס איז געוואָרען ערד. דאָס ערסטע לעבען אויף דער ערד איז געווען: פלאַנצען און וואַסער־בעשעפעניסען; נאכהער קומען רעפטיליען (קריכענדע), פויגלען; נאכהער קומען זויג־טהיערע און צו לעצט — דער מענש.

פונקט דעם זעלבען סדר געפינען מיר אין דער תורה.

די תורה פאַנגט אָן די בריאה פון דער צייט, ווען די ערד איז געווען אין אַ צושטאַנד פון וואַסער * און נאַטירליך איז עס נאָך געווען אַרומגערינגעלט מיט דאַמפף, געדיכטען, וואַרעמען נעבעל, וועלכען קיינע ליכט־שטראַהלען האָבען ניט געקענט דורכדרינגען און קיין רעגען האָט זיך ניט געקענט פאָרמירען. דער וויטערער סדר הבריאה געהט לויט דער אויבען־דערמאנטער אָרדנונג. און ווען מיר זאָלען אָננעהמען דאָס דער י ו ם פון דער בריאה מיינט אַ פעריאָד, ווי מיר געפינען עס הונדערטע מאָל אין תנ"ך, דאַן שטימט עס אויך מיט דער לעהרע פון עוואָלוציע (לאַנגזאַמע ענטוויקלונג). דאָס מיינט, דאָס די ערד איז בעשאַפען און פערפאָלקאָמט געוואָרען אין זעקס פעריאָדען. דער אָנפאַנג פון וועלכע איז דאָך געווען אין זעקס געוועהנליכע טעג.

## עוואָלוציע און רעוואָלוציע

עוואָלוציע און רעוואָלוציע זיינען ענג פערבונדען איינע מיט די אַנדערע.

---

* לויט תלמוד און קבלה איז די יעצטיגע ערד אין דער פיערטער ווידער־בעשאַפונג. דעריבער הויבט ניט אן די תורה פון ערסטען אָנפאַנג. אויף די ערשטע פיער אותיות פון בראשית זיינען דאָ פינטעליך.

עס גיבט ניט רעוואָלוציע (פּלוצלונגע ערשיינונג, אויס־ברוך) אָהן עוואָלוציע, און יעדע עוואָלוציע ענדיגט זיך מיט רעוואָלוציע, צוב״ש:

אַן ערד־ציטערנים איז דער רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגע עוואָלוציאָנע אנזאמלונג פֿון געוויסע גאזען און עקספּלאָדירענדע שטאָפֿען אין די געדערים פֿון דער ערד. אַ טאָרנאַדא איז דער רעזולטאַט פֿון אַ לאַנגער ענטוויקלונג פֿון הייסע און קאַלטע לופֿט־שטראָמען. לאַנגזאַם, אונבעמערקט ענטוויקעלט זיך אַ קראַנקהייט אין אַ מענשען, ביז זי ברעכט אויס אָפֿט פּלוצלונג אויף אַ באַמערקבאַרען אופֿן. פֿיעלע יאָהרען אַרבייט די נאַטור מיט איהרע אינסטרומענטען: ווינד, רעגען, היץ, קעלט, ביז זי בייסט דורך דעם פֿונדאַמענט פֿון אַ ריזיגען באַרג און שליידערט איהם אַרונטער. מיר זעהען בלויז דעם לעצטען רעזולטאַט, אָבער ניט דעם פּראָצעס פֿון איהר אַרבייט. דאָס זעלבע איז אויך אין לעבען פֿון מענשען און פֿעלקער. די רעוואָלוציאָנע ענדערונגען, דאָס אויפֿגאַנג און פֿערשווינדען פֿון פֿעלקער און שטאַמען געהט אויך אויף דעם זעלבען עוואָלוציאָן־רעוואָלוציאָנעם וועג.

די תורה שילדערט אונז די בעשאַפֿונג פֿון דער וועלט אויך אויף אַן עוואָלוציאָנעם, נאַטירליכען וועג. דאָך איז עס אַבסאָלוט קיין סתירה צו דעם געדאַנק דאָס גאָט האָט בעשאַפֿען די וועלט.

דער וואָרט „ויאמר“ ער האָט געזאָגט, מיינט דאָס גאָט האָט בעשאַפֿען די מילי־מיליאָנען געזעצע, די כחות פֿון דער נאַטור. דיזע אַלע אונענדליכע געזעצע זיינען בעשאַפֿען געוואָרען מיט אַ זאָג, אין דעם קירצעסטען מאָמענט. דאַן איז עס געוועזן ב ר י א ה, בעשאַפֿונג, נ ס...

אָבער פֿון דעם מאָמענט וואָס דיזע בעשאַפֿענע געזעצע האָבען אָנגעפֿאַנגען צו ווירקען, איז עס שוין געוואָרען נאַטור, און די נאַטור אַרבייט שוין אויף אַ נאַטירליכען, לאַנגזאַמען, עוואָלוציאָנס וועג. און דאַן ווערט שוין אין דער תורה ניט

געזאָגט דער לשון ב ר י א ה נור י צ י ר ה, געבילדעט אָדער ע ש י ה, געמאַכט.

אָבער די נאַטור זעלבסט און אַלעס וואָס אין דער נאַטור, איז ניט מער ווי אַ נס. אַלעס וואָס איז פיר אונז געוועהנ־ליך, וואָס מיר זעהען טאָג־טעגליך, רופען מיר „נאַטירליך", און אַלעס וואָס פיר אונזערע חושים איז ניט געוועהנליך, רופען מיר „אונאַטירלאַך", וואונדער, נס. אָבער אין דער ווירקליכקייט איז אַלעס אַ נ ס. דאָס לעבען איז אַ נס, דאָס דענקען דאָס פיהלען איז אַ נס. דאָס בעוועגען זיך פון די פּלאַנעטען, דער געזעץ פון גראַוויטאַציאָן, צוציהונגס־קראַפט, איז אַ נס. און אַזוי איז יעדער נאַטורס־געזעץ, אַלעס אויף דער וועלט, פּונקט ווי די וועלט זעלבסט — אַ נס.

די טהעאָריע פון עוואָלוציע אָדער דאַרוויניזם *, דאָס גע־וויסע גלידער פון לעבענדיגע בעשעפעניסען קאָנען זיך ענ־דערען, איז טיילוויז אמת, אָבער בלויז ביז אַ געוויסען גראַד. דאָס זעלבע ווערט אַרויסגעזאָגט אין תלמוד אין דער קליינער ערצעהלונג וועגען הלל און זיין פרעגער (שבת ל׳ א׳). דער תלמוד זאָגט אויך, דאָס ביז נח׳ן האָבען די ערשטע מענשען געהאַט הייטליך צווישען די פינגער אַזוי ווי ביי אַ גאַנז (מד"ר נח), דאָך מיינט עס ניט, אַז דער מענש קומט אַרויס פון אַ גאַנז, אָדער די גאַנז קומט ארויס פון אַ ביבער. דער מענש איז בעשאַפען געוואָרען אַלס מענש אפילו מיט זיינע צונויפגע־וואַקסענע פינגער.

וועגען דער בעוועגונג פון דער ערד אַרום דער זון ווערט גערעדט אין זהר, וועלכער איז פערפאַסט געוואָרען פיל פריי־הער פון קופּערניקוס (זהר, בראשית).

## ווידער־שפּריכע אין בראשית

אונזערע בראשיורע־געלעהרטע וואַרפען זיך בעזאָנדערס אויף דער סתירה אין בראשית וועגען דאָס בעשאַפונג פון ליכט אין דעם ערסטען טאָג און די זון, די לבנה און די שטע־

* Charles Darvin, The Descent of Man.

רען אין דעם פיערטען טאָג. שטייץ! פרעגען זיי, אויב די זון איז בעשאַפען געוואָרען אין פיערטען טאָג, ווי אַזוי זשע קומט די באַשאַפונג פון ליכט אין ערסטען טאָג? און צוויי־טענס לויט דער תורה קומט דאָך אוים אַז די ערד איז עלטער פון דער זון. דאָס איז דאָך שוין גאָר אין גאַנצען געגען דער וויסענשאַפט!

אָבער אויב שוין יא קשיות, קען איך זיי געבען נאָך אַ גרעסערע קשיה: אויב די זון איז בעשאַפען געוואָרען פריהער פון דער ערד, וואָרום־זשע שטעהט אין דער תורה, אַז די ליכט איז געוואָרען אין דעם ערסטען טאָג? האָט די תורה זעלבסט ניט געקענט דערזעהן איהר אייגענע סתירה?

די זאַך איז אָבער אין דעם וואָס אַ שטיקעל חומש דאַרף מען קאָנען לערנען און אויך וועלען פאַרשטעהן, ניט בלויז אום אַרונטער צו רייסען. דער תלמוד און דער זהר רעדען וועגען דעם און דער מלבי"ם, וועלכער באַזירט זיינע פרושים אויפ'ן תלמוד ערקלעהרט עס זעהר פערנינפטיג.

אין קורצען מיינט עס, אַז די ליכט אַלס קראַפט, אַלס זעלבסטשטענדיגע בריאה, ווי אויך די הימלישע קערפערס פון אונזער זון־סיסטעם, די אינסטרומענטען פון ליכט, די זון מיט דער לבנה, זיינען בעשאַפען געוואָרען אין דעם ערסטען טאָג. ליכט לויט דעם זהר, איז ניט געוועזען אַ בריאה, אַ נייע שאַפונג, נור אַ טהייל פון דעם „אור־הקדמון", וואָס שטראַהלט פון דעם „כביכול" און פילט אָן דעם גאַנצען וועלט־רוים אין פער־שיעדענע מדרגות און מאַסקעס. דיעזע ליכט איז דאַן געוועזען פערשפרייט אין דער גאַנצער בריאה און אַ טהייל פון איהר האָט גאָט געגעבען דער ערד אין דעם ערסטען טאָג, אונ־אַבהענגיג פון דער זון, וועלכע איז דאַן נאָך געוועזען אַ פינס־טערער קערפער. (עס איז יעצט גענוי בעוואוסט דאָס די שטאָפען פון דער ערד, וועלכע בעזיצען קיין אייגענע ליכט־קראַפט, געפינען זיך אין דער זון אין אַ ברען אָדער דאַמפף צושטאַנד). אויפ'ן פיערטען טאָג איז דיזע ליכט־קראַפט צו־גענומען געוואָרען פון דער ערד און איז איינגעשלאָסען גע־

וואָרען אין אַ מאָסקע, אין דער זון, וועלכע איז דאָן אויך בע־פעסטיגט געוואָרען אויף איהר פּאָזיציאָן, זעה מלבי״ם בראשית פּסוקים ג, ד, ה, י״ד—י״ח), אָדער די ערד האָט דאָן בעקומען איהר שטענדיגע, פעסט־געזעצטע בעוועגונג אַרום דער זון.

לויט מיין אָרימען שכל, קען דאָס אויך מיינען, דאָס די ליכט פון דער זון מיט דער לבנה האָבען ניט געקענט דורכ־דרינגען די געדיכטע נעבעלדיגע אטמאָספערע פון דער ערד, ביז אין דער פיערטער פּעריאָדע. אין דעם שטימט די גע־אָלאָגיע מיט אונזער תורה, אַז די ערד איז אין אַ געוויסער פּעריאָדע געוועזן אַרומגערינגעלט מיט אַ געדיכטען, הייסען נעבעל, וועלכען די ליכט שטראַלען האָבען ניט געקענט דורכדרינגען.

און אויב איהר וועט מיר פרעגען פון דער געאָלאָגיע, וואָס לערענט אַז די ערד האָט זיך דאָך אָבגעריסען פון דער זון, וועל איך אייך זאָגען: זאָלען די געאָלאָגען צו ערסט איינ־שטימען צווישען זיך. מאַנכע געאָלאָגען האַלטען ניט אַזוי. דאָס איז אַ טהעאָריע, מיט פאַקטען ניט בעשטעטיגטע. מאָרגען קען קומען אַ קליגערע טהעאָריע. וואָס עס איז געוועזן בעפאָר קען קיינער מיט בעשטימטהייט, אויסער השערות, ניט זאָגען. איז נאָך אַלס די ערצעהלונג פון דער תורה די בעסטע השערה.

## וויסענשאַפט, טהעאָריעס און וויסענשאַפטס־לייטע

מיט אונזער גאַנצען רעספּעקט צו וויסענשאַפט, מוזען מיר דאָך מודה זיין: 1) אַז געוויסע וויסענשאַפטליכע טהעאָ־ריעס און סיסטעמען זיינען אויך ניט אַלע מאָל אייביג און אמת. וויפיעל וויסענשאַפטליכע טהעאָריעס זיינען שוין אונ־טערגעגאַנגען! מיט הונדערטע יאָהרען צוריק זיינען אויך געווען וויסענשאַפטסלייט און וויסענשאַפט, אין וועלכע מען־

שען האָבען דאַן געגלויבט. היינט, אַ שילער פון דריטען קלאַס לאַכט זיי אויס.

2) עס איז דאָ אָפט אַ וויטע שטרעקע צווישען וויסענשאַפט און וויסענשאַפטס־לייטע. מיר האָבען אין אונזער צייט געלעהרטע וואָס פערקויפען דעם אמת פון וויסענשאַפט פיר אַ טאָפ לינדזען. פיר עטליכע דאָלער שרייבען זיי וויסענשאַפטליכע אַרטיקלען און ביכער פיר די נוצליכקייט פון רויכערען סיגאַרס אָדער סיגאַרעטס אָדער געגען זיי, פיר רעליגיאָן אָדער געגען, פיר אַנטיסעמיטיזם אָדער געגען...

איהר פיהלט אָפט צום לאַכען און וויינען צוזאַמען, לעזענדיג די סטייטמענטס פון געוויסע געלעהרטע, וועלכע וואַרפען זיך מיט מיליאָנען און ביליאָנען יאָהרען, פונקט ווי אַ קונדעס מיט אַ פילקע: „די געפונענע אייער פון דעם אָדער יענעם רעפּטיליען זיינען אַלט צווישען צוואַנציג און פיערציג מיליאָן יאָהר (אַ שפּרונג!). די חיה פון יענעם געפונענעם ביין איז אַלט 10—20 מיליאָן יאָהר. די וועלט (ערד) שטעהט שוין מעהר אַלס הונדערט מיליאָן יאָהר!... די מענשהייט איז אַלט פינף מיליאָן, 10 מיליאָן, 50 מיליאָן יאָהר... ווייל אַזוי פיעל צייט האָט געדאַרפט נעהמען די ענטוויקלונג און אויסבילדונג פון דער מענשהייט ביז צו דער שטופע פון היינטיגע ציוויליזירטע פעלקער. אָבער זיי פערגעסען, אַז די געזעצע פון ציוויליזאַציע און קולטור האָבען גאַר ניט צו טאָהן מיט צייט. אין דער צייט וואָס די אייראָפּעער האָבען עררייכט די שטופע פון מאָדערנער ציוויליזאַציע אין פערלויף פון די לעצטע יאָהרהונדערטע (ווי לאַנג זיינען די אייראָפּעאישע פעלקער געווען גאַנץ־ אָדער האַלב־ווילדע געטצענדינער אין זייערע געדיכטע, אוראַלטע וועלדער!) לעבט נאָך כמעט אַ גאַנצע העלפט פון דער מענשהייט אין פאָלקאָם ווילדען צושטאַנד. פון איין זייט ענגלאַנד, דייטשלאַנד, פראַנקרייך, די שטאַטען, און פון דער אַנדערער זייט די האָטענטאָטען, בושמענען א. ד. ג. האָבען זיך דאָך די געצענדינערשע יאַפּאַנעזער אויסגעבילדעט אין ריכטיגע אייראָפּעער אין אַ משך פון אַ יאָהר 70—80 און

אריבער געיאָגט די רוסען, וועלכע האָבען זיי דאָן געדערכענט פיר ווילדע *. זיינען דאָך די עגיפּטער, העלענער, אַסיריער און אַנדערע נאָך מיט טויזענדע יאָהרען צוריק שוין געווען פערהעלטניסמעסיג ציוויליזירטע פעלקער. אין דער צייט ווען אייראָפּא איז געווען פערזונקען אין באַרבאַריזם. יעצט איז אייראָפּא ציוויליזירט און יענע פעלקער זיינען פערבאַרבאַרט געוואָרען אָדער גאָר פערשוואונדען. עס איז אַלזאָ קלאָהר, אַז דער ציוויליזאַציאָנס-צושטאַנד פון פעלקער איז קיין צייט-מאָס פיר דער אַלטקייט פון דער מענשהייט.

פאָלגענדער פאַקט קען דיענען אַלס אילוסטראַציע, אויף וויפיעל טהעאָריעס קאָנען זיין פאַלש און אויף וויפיעל וויסענשאַפטסלייט קאָנען מאַכען טעות׳ן אין אויפבויען טהעאָריעס.

ניט לאַנג אויף אַ קאָנגרעס פון וויסענשאַפטלייטע, אין וואַשינגטאָן, ד. ס. אין יאָהר 1927, האָט דר. א. הערדליקא, פון נייטשוראַל מיוזעאום אין וואַשינגטאָן, בעריכטעט וועגען דעם, ווי אַזוי צוויי וויסענשאַפטסלייט האָבען אויפגעבויט אַ גאַנצען טהורעם אויף אַ טעות. זיי האָבען געפונען אַ קנאָכען פון אַ מאַסטעדאָן (אַ מין העלפאַנד פון פאַר-היסטאָרישע צייטען) און זיי האָבען עס אָנגענומען פיר אַ שאַרבען פון אַ פאַר-היסטאָרישען מענשען. איין שאַרבען אַזעלכער איז אַמאָל געפונען געוואָרען און איז בעוואוסט אין דער וויסענשאַפט אַלס דער שאַרבען פון „דזשאַווא-מענש“. די צוויי וויסענשאַפטסלייטע האָבען אויף זייער ענטדעקונג אויפגעבויט גאַנצע טהעאָריעס וועגען דעם אויסזעהן און לעבען פון פאַר-היסטאָרישע מענשען. און דיזע טהעאָריעס האָבען נאָכהער געפּלאַצט ווי זייפען-בלאָזען. ווען עס האָט זיך אַרויסגעוויזען אַז זייער מציאה איז גאָר געווען אַ ביין פון אַ חיה, ניט אַ שאַרבען פון אַ מענשען.

אויף דעם זעלבען קאָנווענשאָן האָט דר. וו. ק. גרעגאָרי, פון דעם אַמעריקען מוזעאום אָוו נייטשוראַל היסטאָרי, בע-

* זעה ערצעהלונג „פּרעגאַט“ פון גאָנטשאַראָוו.

ריכטעט, דאָס מענשען קומען אַרויס פון פיש דורך צעהן מדרגות פון ענטוויקלונג. נון, ווער איז גערעכט, דאַרווין ענד קאָ. וואָס זאָגען אז מענשען קומען אַרויס פון אַן אַפּע *, די אַנ־דערע וואָס בעהויבטען אַז אַפּען קומען אַרויס פון מענשען, גרעגאָרי, וועלכער וויל האָבען אַז מענשען און אַלע מאַמאַלען קומען אַרויס פון פיש, אָדער גאָר אונזער תורה וועלכע זאָגט קלאָהר, אַז נאכהער, ווען אַלעס און אַלע בעשעפעבישען זיינען שוין געווען בעשאַפען, האָט גאָט גענומען שטויב פון דער ערד (ניט אַ חיה פון חיות), לויט דער תלמוד: שטויב פון פערשיעדענע טהיילען פון דער ערד, דאָס מיינט פון אַלע עלעמענטען און קרעפטען פון דער נאַטור. און האָט בעשאַפען די לעצטע און העכסטע בריאה, דעם מענשען. ניט געמאַכט, נור בעשאַפען.

זעהר ריכטיג זאָגט דער בעריהמטער פהיזיקער, פּראָפ. ראָבערט א. מיליקאַן פון דער בעריהמטער יעיל אוניווערזי־טעט, אין אַ רעדע וואָס ער האָט געהאַלטען אָקטאָבער 1926, אַז די מאָדערנע וויסענשאַפט קען ניט דערגעהן אַלע סודות פון דער וועלט און דאָס אַלע וויסענשאַפטליכע טהעאָריעס האָבען ניט אויפגעקלעהרט די סודות פון דעם אוניווערסאַלום (וועלטרוים).

מיר אידען ווייסען דאָך געגוי, דאָס עס גיעבען גאַנץ בע־ריהמטע וויסענשאַפטסלייטע, גרויסע פּראָפעסאָרען, וועלכע זיינען שרעקליכע אַנטיסעמיטען און רעדען און שרייבען וועגען אונז די גרעסטע שקרים...

## פּאָזיטיווע וויסענשאַפטען

ביז יעצט האָבען מיר גערעדט פון דער ספּעקולאַטיווער וויסענשאַפט. מיר וועלען יעצט איבערגעהן צו די פּאָזיטיווע, עקספּערימענטאַלע וויסענשאַפטען און זעהן אויף וויפיל זיי בעשטעטיגען אָדער ווידערשפּרעכען די געבאָטע פון אונזער תורה.

* די טהעאָריע פון עוואָלוציע זאָגט, אַז מענשען און אַפּען שטאַמען פון איין אורפאָטער.

מיט דריי טויזענד צוויי הונדערט און פיערציג יאָהר צוריק, אין דער צייט ווען עס איז קיין מיקראסקאָפּ אָדער אַן אַנדער וויסענשאַפטליכער אינסטרומענט ניט געווען און די וויסענשאַפט פון באקטאַריאָלאָגיע האָט זיך נאָך אפילו קיינעם ניט גע׳חלום׳ט, האָט אונז די תורה געגעבען אַ קלאָהרע דיעטע פון אַלע לעבענדיגע בעשעפעניסען, וועלכע מיר מעגען אָדער טאָהרען ניט עסען. קיינער אין דער וועלט האָט ניט געוואוסט, וועלכע שעדליכקייטען פיר מענשען עס געפינען זיך אין די פערבאָטענע בעשעפעניסען. און קיין איד האָט גאָר ניט געזוכט צו וויסען און האָט אפילו ניט חושד געווען, אַז אין די פערבאָטענע בעשעפעניסען איז דאָ עטוואָס שעדליכעס פיר׳ן געזונד. דאָס העכסטע צו וואָס זיי האָבען זיך דערטראַכט איז, אַז אין זיי, איז דאָ עטוואָס שעדליכעס פיר דער נשמה. דער איד האָט זיי ניט געגעסען, ניט איבער זייער שעדליכקייט, נור בלויז ווייל דאָס איז אַ חק, אַ געבאָט אין דער תורה.

אָבער די וויסענשאַפט פון דער לעצטער צייט, זינד דער מיקראסקאָפּ איז ענטדעקט געוואָרען, האָט שוין אין פילע פון די פערבאָטענע בעשעפעניסען ענטדעקט די שעדליכע מיקראָארגאַניזמען, וועלכע מאַכט זיי אָפט העכסט געפעהרליך פיר׳ן מענשענס געזונד. און מיר מעגען ערוואַרטען, דאָס אויך די איבריגע פערבאָטענע בעשעפעניסען וועלען מיט דער צייט ערפאָרשט ווערען און עס וועט ענטדעקט ווערען די שעדליכקייט וואָס אין זיי געפינט זיך.

די וויסענשאַפט, ווען מענשען זאָלען איהר פאָלגען, ראָטה אָב פון עסען די זעלבע בעשעפעניסען פון געזונדס-שטאַנדפונקט, דאָס מיינט דאָס די געזעצע פון דער נאַטור שטימען מיט די געזעצע פון דער תורה. די וויסענשאַפט בעשטעטיגט זיי.

די ווערטער אין דער תורה: „כי אני ד׳ רופאך“ (שמות טו. כו) דען איך גאָט בין דיין דאָקטאָר, איז קיין פראַזע, נור אַן אמת, אַ פאַקט. פילע גרויסע מענשען, בעריהמטע

ערצטע האָבען בעמערקט די היגיענישע און מעדיצינישע זייט פון די געזעצע פון דער תורה. גאַנצע ביכער זיינען וועגען דעם פערעפענטליכט געוואָרען. נור לאָמיר איבער געהן צו די פאַקטען: מיר וועלען אָנפאַנגען פון די מעהר בעוואוסטע און שוין אויסגעפאָרשטע באַשעפעניסען. אויפ'ן ערשטען פלאַן קומט דער חזיר.

## חזיר־פלייש

דאָס פלייש פון חזיר איז זיכער אַזוי געזונד און נארהאַפט ווי יעדע אַנדער פלייש. עס פערמאָגט די מאס פראָטיין און מינעראַלען ווי די בעסטע רינדער פלייש. און איז, לויט מענשען זאָגען, פונקט אַזוי געשמאַק צום עסען. אָבער די וויסענשאַפט האָט ענטדעקט אין חזיר־פלייש דעם געוויסען ווארים־באַציל „טריכינא", וועלכער איז אַזוי שטאַרק, דאָס ער געהט דורך אונבעשעדיגט די היץ פון מאָגען, ווערט ניט פערדייהעט, פערניכטעט פון די שטאַרקע עסידס וואָס קאָכען איבער יעדע שפייז. ער פערבלייבט לעבען, פערמעהרט זיך, בויערט דורך די ווענטליך פון מאָגען און געדערים, אָדער ער ווערט פער־טראָגען מיט'ן בלוטשטראָם און פערזעצט זיך אין די געדערים און מוסקולען פון וואַנען מען קען איהם מיט קיינע מיטלען ניט אַרויסטרייבען. פערגיפטעט דעם קערפער, פערשאַפט שרעק־ליכע שמערצען אין פערלויף פון פילע יאָהרען ביז דער מענש שטאַרבט.

דר. דזשאָהן באַלאַגי * זאָגט: ניט וועהניגער ווי אין פופצעהן פראָצענט פון געשלאַכטעטע חזירים געפינט מען די טריכינא. עס פאָדערט זיך אַ היץ פון 75—80 גראַד צעלסיוס (ביי 200 גראַד פארענהייט) פיר 7—6 שטונדען צייט אום צו טויטען די טריכינא. ער דערצעהלט דאָס אין יולי 1913, זיינען אין סטייט פענסילווייניא בעריכטעט גע־

* John Ballagy, An Epidemic of Trichinosis in Pennsylvania, in 1913. Repr. N. Y. Med. Jour., Dec. 13, 1913.

וואָרען איבער 1000 פעלע פון טריכינאזיס, פון וועלכע 20 פּראָצענט זיינען געשטאָרבען.

נאַטירליך ניט אין אַלע חזירים מוז די טריכינא זיך גע־פינען. ניט אַלע מענשען וואָס עסען חזיר שטעקען זיך מיט איהם אָן. דער פאַקט איז אָבער, דאָס דיזע שרעקליכע טריכינא געפינט זיך אין דעם מין וואָס הייסט חזיר און ניט אין דעם מין וואָס הייסט אָקס, שאָף, ציג אָדער הירש. און לויט דעם בעגריף פון אונזער תורה וועלכע שטעלט דאָס לעבען פון מענשען העכער פון אַלעס, איז גלייכער דאָס קיינער זאָל ניט עסען קיין חזיר איידער אפילו איינער פון אַ מיליאָן זאָל דאַדורך ליידען.

מיר ווייסען זאָגאַר פון דער געשיכטע, דאָס דער גרויסער קאָמאַנדיר, האַניבאַל, האָט איינמאָל פערלאָרען אַ מלחמה דאַדורך וואָס זיינע סאָלדאַטען זיינען קראַנק געוואָרען פון שלעכטען חזיר וואָס זיי האָבען געגעסען. עס איז בעוואוסט דאָס אין רוסלאַנד, און אפילו אין פראַנקרייך זיינען געווען (פיליכט נאָך אויך יעצט) גאַנצע דערפער פערפעסטעט מיט טריכינא. ערסט ניט לאַנג האָט מיר אַ בעריהמטער דאָק־טאָר דערציהלט, דאָס ער ווייס פון פילע אַזעלכע פעלע דאָ אין ניו יאָרק.

מעגליך דאָס אין גרויסע שטעדט, אין מאַנכע שלאַכט־הייזער, געפינען זיך מיידלעך, וועלכע אונטערזוכען די פלייש פון געשלאַכטעטע חזירים מיט מיקראָסקאָפּען, אָבער ווער איז עס מחויב צו פערלאָזען זיך אויף אַ מיידעל, וועלכע אַרבייט בלויז פיר געלד און וועמעס קאָפּ איז אָפּט פאַרשלאָגען מיט אַלערליי נאַרישקייטען אָדער ליידענשאַפטען. מיר קאָנען זיך פערלאָזען אויף אונזער שוחט, וועלכער איז אין אַלגעמיין אַ פרומער, אַ ירא־שמים, וואָס וועט אויף קיין פאַל ניט דורכלאָזען אפילו אַ ספק־טרפה. אויב נור ער געפינט אַ וועלכען עס איז סימן, אַ סימפטאָם פון אַ קראַנקהייט אין

דער ריאה אָדער אַנדער פּלאַץ פון דער געשאָכטענער בהמה, ערקלעהרט ער עס ט ר פ ה. און איהר מעגט זיין זיכער, דאָס ער וועט אין די סימנים קיין טעות ניט מאַכען. ער וויים זיי אויסגעצייכענט. וועהרענד דאָס מעדכען, וואָס אונטער־זוכט דאָס חזיר־פלייש האָט קיינע בעשטימטע סימנים. זי דאַרף מיט׳ן מיקראָסקאָפּ באַטראַכטען דאָס פלייש. מען קען אין אַלגעמיין דעם חזיר ניט אונטערזוכען. די טריכינא האָט קיין בעשטימטען פּלאַץ און מען קען דעם גאַנצען קאָרפּס פון חזיר ניט צו פיצלען. עס איז אַלזאָ אַ פאַלשטענדיגע אונ־טערזוכונג כמעט אונמעגליך.

און נאָך אַלעמען איז עס גוט בעוואוסט דאָס אפילו די גרויסע שלאַכטהייער אונטערזוכען ניט מיקראָסקאָפּיש די חזיר־פלייש. דאָס ווערט בעשטעטיגט דורך אַ פאַקט, וואָס האָט ערסט ניט לאַנג פּאַסירט, אויב איך מאַך קיין טעות איז עס פאָרגעקומען אין יאָהר 1925. איך גיב עס איבער מיט די ווערטער ווי איך האָב דאָן עס געלעזען אין די צייטונגען:

„אין די יונייטעד־סטייטס דיסטריקט קאָורט איז אַריינ־געבראַכט געוואָרען אַ קלאַגע פון ע. ס. היימערדינגער, פון 77 איסט 98טע סטריט, ניו יאָרק, געגען דער אַרמאָר ביף קאָמ־פּאַני. היימערדינגער וויל אַז די קאָמפּאַני זאָל בעצאָהלען 5,000 דאָלער שאַדענערזאַץ איהם און יעדען אַנדער מיט־גליעד פון זיין פאַמיליע, ווייל זיי זיינען אַלע קראַנק געוואָרען פון פערגיפטונג דורך עסען חזיר־פלייש פון ארמאר קאָמפּאַ־ני׳ס שלאַכט־הייזער. לאַיער טשאַרלעס דושקינד, וועלכער פערטרעט די פאַמיליע, ערקלעהרט, אַז ער האָט אָנגעפרעגט די קאָמפּאַני, אויב די חזירים וואָס זי שלאַכטעט ווערען אונ־טערזוכט, אום פעסטצושטעלען, דאָס זיי ליידען ניט פון אַ געוויסע קראַנקהייט, וואָס פערורזאַכט פערגיפטונג פיר די וואָס עסען די פלייש. די קאָמפּאַני האָט געענטפערט, אַ די אונטערזוכונג איז פערבונדען מיט גרויסע הוצאות און עס בעצאָהלט זיך ניט“...

אַט אַזוי האַלט עס מיט אַ קאָמפּאַני ווי די „אַרמאַר“. וואָס קען מען שוין ערוואַרטען פון די קלענערע קאָמפּאַניעס אָדער פּריוואַטע אונטערנעהמערס!

בעריכטען וועגען טריכינאָזיס (טריכינאַ קראַנקהייט) קען מען אָפט לעזען אין די מעדיצינישע זשורנאַלען.

ניט לאַנג איז אַ געוויסער דאָקטאָר געשטאָרבען פון טריכינאָזיס.

אין יוני 1928 האָבען די צייטונגען בעריכטעט אַ פאַל פון אַ געוויסע אידישע פאַמיליע, שרעדער, פון פּאַרק עוועניו, ניו־יאָרק, אַ מאַן, זיין פרוי און אַ באָרדער, וועלכע זיינען געשטאָרבען פון טריכינאָזיס, וואָס זיי האָבען זיך אָנגעשטעקט פון סאָסעדזשעס (קליינע וואורשטלעך) געמאַכט פון חזיר־פלייש. זיי האָבען בעקומען שרעקליכע קרעמפּס אין די גע־דערים. מען האָט זיי גענומען אין האָספּיטאַל, אָבער די דאָק־טוירים האָבען זיי ניט געקענט רעטען.

## אויסטערס

(אוסטריצע, אַ מין שרץ אין אַ זשאַבע־שיסעלע)

מיר וועלען יעצט איבערגעהן צו אַן אַנדער מין בעשע־פענים, וועלכע איז ביים עולם אָנגענומען אַלס נאַרהאַפטע, געשמאַקע שפּייז, און וועלכע,ליידער, פילע אידען עסען עס. אבוואָהל אין אָנפאַנג, איידער זיי געוואָהנען זיך צו צום עקעלהאַפטען אויסזעהן, ברעכען זיי עס פילייכט אויס, איך מיין דעם אויסטער.

די אַמעריקאַנער רופען אויסטערס, פּונקט ווי אַלע בע־שעפעניסען וואָס לעבען אין וואַסער, פיש. אונזער תורה רעכענט עס אַלס שרץ. אונזער בעגריף וועגען פיש איז אַ גאַנץ אַנדערער.

מיר וועלען דעם אויסטער ניט בעטראַכטען פון עסטע־טישען שטאַנדפּונקט. זיין אויסזעהן איז עקעלהאַפט. נור פון היגיעניש-מעדיצינישען שטאַנדפּונקט.

דער אויסטער פערמאָגט פיל איי-שטאָף. דאָס מאַכט איהם געוויס פיר אַ נארהאַפטע שפייז. אָבער אין דעם אויס־טער, ווי עס איז יעצט גוט בעקאַנט, געפינט זיך אָפט אַ גע־ווירער באַציל וואָס פערשאַפט פיבער; און מאַנכעס מאָהל געפינט זיך אין איהם דער טיפוס-באַציל. דער געבוי פון אויסטער אין אַלגעמיין איז אַזוי ווי אַ שוואַם אָדער ספאָנדזש. ער זאַפט איין יעדע שמוץ וואָס געפינט זיך אין וואַסער. ערסט גאָר ניט לאַנג, אין ווינטער פון 1924-25, זיינען צעהנדליגע מענשען אין לאָנג איילענד און שיקאַגאָ קראַנק געוואָרען און פילע פון זיי זענען געשטאָרבען דערפון וואָס זיי האָבען גע־געסען אויסטערס, אין וועלכע די טיפוס באַצילען זיינען געוועזען אנטוויקעלט. די „באָארד אָוו העלטה“ פון ניו יאָרק און שיקאַגאָ, האָבען אויסגעפאָרשט און פעסטגעשטעלט דעם פאַקט, און עס איז גלייך פערוועלט געוואָרען אַרויסצופיהרען אויסטערס וואָס זיינען געפאַנגען געוואָרען אין געוויסע פלע־צער אַרום ניו יאָרק.

די „באָארד אָוו העלטה“ האָט אָנגעגעבען דעם טעם, וואָס דיזע אויסטערס זיינען געפאַנגען געוואָרען אין די וואַסערען, וואו עס קומען אַריין די סיוערס (אָפּפאַל רעהרען פון די שטעדט) און די אויסטערס ווערען דאַדורך אָנגעשטעקט מיט די טיפוס מיקראָבען פון דעם מענשליכען אבפאַל.

אָבער דאָ קומט דאָך די פּשוט׳ע פראַגע: אין דעם זעל־בען אבפאַל געפינען זיך דאָך זיכער אויך באַצילען פון אַנ־דערע קראַנקהייטען. וואָרום-זשע ווערט עפּיס דער אויסטער אָנגעשטעקט דוקא מיט די טיפוס-באַצילען? און וואָרום ווערען די כשר׳ע סאָרטען פיש, וועלכע לעבען אין די זעלבע וואַסערען ניט אָנגעשטעקט מיט די זעלבע באַצילען פון די סוערס (שמוץ-קאַנאַל)? וואהרשיינליך איז עס אין דער נאַטור פון דעם אויסטער, וואָס אין איהם געפינען די טיפוס-באַצילען אַ בעקוועמע בעט און די נויטיגע בעדינגונגען פיר זייער ענטוויקלונג. איז אונזער תורה ניט גערעכט מיט איהר פערבאָט צו עסען יעדען אויסטער! און, איז עס מעגליך

צו גלויבען, אַז אַ מענש האָט עס מיט דריי־טויזענד יאָהר צוריק, לויט זיין אייגענעם ווילען, אַריינגעשטעלט אין דער תורה?

## דאָרען־פיש

די תורה האָט אונז געגעבען בעשטימטע סימנים אויף פיש, לויט וועלכע מיר דערקענען וועלכע זיינען כשר און וועלכע זיינען טריפה.

עס איז אַ בעוואוסטער פאַקט, דאָס די אַלע סאָרטען, זאָגענאַנטע, דערנער־פיש, ביי אַ הונדערט אין צאָהל, וועלכע זיינען בעדעקט מיט אַ סאָרט פאַנציר פון ביין־דערנער אָדער שפּיזען אַרום זייער קערפּער זיינען גיפטיג און שעדליך. עס האָט זיכער גענומען טויזענדער יאָהרען צייט און מיליאָנען מענשען־לעבענס ביז די מענשהייט האָט פעסטגעשטעלט דעם פאַקט וועגען די שעדליכקייט פון דיזע מינים פיש. פילע אַנדערע מינים פיש צייגען ניט אַרויס זייער שעדליכע ווירקונג באַלד און אימער, און דעריבער ווערען זיי ניט בעמערקט און מענשען עסען זיי.

איך געדענק אַ געוויסען פאַקט, אין יאָהר 1902, האָט אין כאַרקאָוו, רוסלאַנד, אויסגעבראָכען אַן עפּידעמיע פון אַן אונבעוואוסטען סאָרט פיבער. נאָך אַ גרינדליכע אונטערזוכונג האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז דאָס איז געקומען פון אַ געוויסען סאָרט טריפה פיש, וועלכע עס האָט זיך צו יענער צייט געכאַפּט אין יענע וואַסערען. אָרטהאָדאָקסישע אידען האָבען פון יענער קראַנקהייט נאַטירליך ניט געליטען.

פאַר מיר ליעגט אַ רעפּאָרט פון דער ענגלישער גאָווערנמענט אין אַפריקא: מיט אייניגע יאָהר צוריק האָט צווישען דער בעפעלקערונג אַרום לייק וויקטאָריע אויסגעבראָכען אַן עפּידעמיע פון מאָגען־קראַנקהייט, פון וועלכע עס זיינען געווען פילע טויט־פעלע. די גאָווערנמענט האָט אַוועקגעשיקט אַהין דעם פיש עקספּערט מר. מיכאַעל גראהאם. נאָך אַ גענויע אונטערזוכונג האָט ער אויסגעפונען, אַז דאָס איז געקומען

פון אַ געוויסען סאָרט פיש פון דער פאַמיליע וואָס רופט זיך אין לאַטייניש „טעטראאדאָן גיבאסוס“, וועמעס פלייש ענט־האַלט אלקאלויד גיפט, וואָס פעראורזאַכט אַ געפעהרליכע קראַנקהייט „סיגאטערא“. צו דיזער גיפטיגער פאַמיליע בע־לאַנגען: די פייל־פיש, טריגער־פיש, גלאוב־פיש און פארקיו־פיין פיש.

## די פערבאָטענע אַכט שרצים

זעהר שטרענג פערבאָט אונז די תורה צו עסען אָדער זאָגאָר צו בעריהרען שרצים, בעזונדערס געוויסע אַכט שרצים, אונטער זיי איז די מויז אָדער ראַטע, וועלכע זיינען אגב אורחא מעהר ערפאָרשט פון דער וויסענשאַפט אַלס די אַנדערע. עס איז שוין לאַנג פעסטגעשטעלט דער פאַקט דאָס מייז און ראַטצען זיינען די טרעגערס פון דער שרעקליכער, בובאָנישער קראַנקהייט (שוואַרצע פעסט) פון וועלכע, מיט אַ פּאָר הונדערט יאָהר צוריק איז אַ גאַנצע פיערטעל (ביי פינף און צוואַנציג מיליאָן) פון דער דאַמאָלסדיגער אייראָפּעאישער בעפעלקערונג אויסגעשטאָרבען. אין אינדיא טרעפט נאָך אויך היינט דאָס צעהנדליגע און הונדערטע טויזענדע מענשען קומען אום פון דיזער שרעקליכער מגפה.

עס איז אויך אַ פעסטגעשטעלטער פאַקט דאָס די מייז ווערען צו ערסט קראַנק, דאַן קריכען זיי אַרויס פון זייערע נארעס אויף דער אויבערפלעכע און פאַלען אַוועק אין די הונדערטע טוזענדע. די בובאָנישע באַצילען געפינען זיך הויפּטזעכליך אין אַ מין פליי וואָס לעבט אַלס פאראזיט אויפ׳ן קערפּער פון די שרצים. דיזע פליי, נאָך׳ן טויט פון די מייז, שיידען זיך אָב פון זיי און גיבען איבער די קראַנקהייט צו מענשען וועלכע זיי בייסען. מענשען קאָנען זיך אָנשטעקען מיט דער קראַנקהייט אויך דורך דירעקטע בעריהרונג אָדער דורך פליגען און מאסקיטאָס, וועלכע זויגען איין די בלוט פון די טויטע מייז און נאכהער שטעלען זיי זיך אויף מענשען און שטעקען זיי אַן.

אין 4—1903 האָט דיזע מגפה אויסגעבראָכען אין אַדעס. האָט מען פערברענט גאַנצע מאַרקען, אום צוזאַמען מיט די קראָמען (סטאָרס) זאָלען פערברענט ווערען די מייז און ראַטצען.

דער פאַקט איז דאָס די באַצילען פון דער בובאנישער קראַנקהייט, לעבען בלויז אין דיזע שרצים אָדער אין זייערע פליי-פאַראזיטען.

ווי גרויס און וואונדערבאַר איז אַלזאָ דער דין פון דער תורה, וואָס איז געגעבען געוואָרען מיט איבער 3240 יאָהר צו־ריק, דאָס ווען אַ איד טראָגט עטוואָס פון די אַכט שרצים, ווערט ער אומריין אויף אַ גאַנצען טאָג און טאָהר ניט קומען צווישען מענשען ביז אבענד. ווי נור ער ווערט אומריין דאַרף ער וואַשען זיינע קליידער און זיך טובל זיין אין קוואַלען־וואַסער.

## האָזען - פלייש

ואת הארנבת לא תאכלו ובנבלתם לא תגעו.
(שמיני)

דער האָז, און מאַנכע אַנדערע גריזשונעס (חיה׳ליך מיט רידעל־מעסיגע צייהן, ווי קראָליקעס, ראַצען, וויעוויאָרקעס, א. ד. ג.) איז איינע פון די חיות וועלכער איז ערסט אין דער לעצטער צייט ערפאָרשט געוואָרען פון דער וויסענשאַפט און זיין שעדליכקייט איז בעוויזען געוואָרען.

ביי אַלע פעלקער איז האָזען-פלייש אַ גאַנצער מאכל. זיי קויקען זיך דערמיט אַלס אַ זעהר זיסע פלייש. זיי ווערען פער־קויפט געשאָסענע אין די שפייז-מאַרקעטס און פלייש-סטאָרס (קראָמען).

אָבער אין די לעצטע פונפצעהן יאָהר איז קלאָהר בעוויזען געוואָרען, דאָס דער האָז און אַנדערע גריזשונעס פעראורזאַכען ניט נור דורך עסען די פלייש, נור אפילו בלויז דורך בעריהרען עס, אַ זעהר שווערע קראַנקהייט, וועלכע הייסט טולארעמיע.

דיזע אויספאָרשונג און ענטדעקונג בעלאַנגט אויסשליסליך צו די געלעהרטע פון די שטאַאטען אין אַמעריקא, וועלכע האָבען געאַרבייט אין פערשידענע לאַבאָראַטאָריעס זעלבסטשטענדיג, ניט וויסענדיג איינער פון׳ם צווייטען.

דר. עדוואַרד פראַנסיס, * כירורג, וועלכער איז אין די „יונייטעד סטייטס פובליק העלטה" דיענסטע (עפענטליכע פאָלקס-געזונדהייט), אין אַן אבהאַנדלונג אין דעם זשורנאַל פון די „אַמעריקען מעדיקאַל אַסאָסיאַציאָן" שרייבט וועגען דעם פאָלגענדעס:

„די קראַנקהייט טולאַרעמיע איז אנשטעקענד צו מענשען דורך דעם באַציל טולארענסע, וועלכער ווערט אָנגעשטעקט דורך אַ בים פון אַ בלוט-זויגענדען אינזעקט, ווי אַ פלוי, לויז, א. ד. ג. און דורך בעריהרונג די בלוט אָדער די אינערליכע אָרגאַנען פון אַ קראַנקען גריזשון (רודענט), ווי עס טרעפט אין פיעלע פון מאַרק-לייטע, קוכערס, יעגערס און לאַבאָראַטאָרי-אַרבייטער.

„פון די ניין און פיעציג פעלע, וועלכע זענען רעקאָרדעט געוואָרען, זיינען פערצעהן פעראורזאַכט געוואָרען דורכ׳ן בים פון אַ פליג, איינער פון דעם בים פון אַ אומפליי; צעהן פאַציענטען האָבען געשניטען האָזען-פלייש אַלס שפייז פיר חזירים ,היהנער און פיר פיש-ווענדקעס; צעהן האָבען צוגעריכטעט (דרעסירט) האָזען-פלייש פיר שפייז; פיערצעהן זיינען געווען לאַבאָראַטאָרי אַרבייטער, וועלכע האָבען גע־פאַלמעסט קראַנקע ים-חזירים (גווינים) אָדער האָזען אין פערשידענע לאַבאראַטאָריעס. וואַרשיינליך האָבען די באַצילען פון די קראַנקע חיות אַריינגעדרונגען אין זיי דורך דער הויט פון די בלוט וואָס איז געווען אויף זייערע הענד אָדער דורכ׳ן מויל, וועלכען זיי האָבען ניט ווילענדיג בעריהרט מיט זייערע פערבלוטיגטע הענד.

די קראַנקהייט אַטאַקירט הויבטזעכליך די גלענדס, די אויגען און אָפט רופט זי אַרוים פיבער עהנליך צו טיפוס.

---

* Tularemia. Dr. Turner S. Shelton, J. Am. Med. Ass'n. Apr. 4 1925; Francis Edward; Tularemia Francis: A new Disease of man, Repr. J. Am. Med. Ass'n., Apr. 8, 1922; Francis Edward, Tularemia, Repr. J. Am. Med. Ass'n., Apr. 25, 1925, p. 1243.

Repr. Jour. Am. Med. Ass., April 8, 1922.

רעפּאָרטס וועגן פעלע פון דיזער קראַנקהייט ווערען אָפט געבראַכט אין די מעדיצינישע זשורנאַלען.

אונזער תורה איז אַלזאָ גערעכט מיט איהר פערבאָט: „זייער פלייש זאָלט איהר ניט עסען און זייער טויטען קערפּער זאָלט איהר ניט בעריהרען, זיי זיינען אומריין פיר אייך". איז דאָס ניט וואונדערבאַר! האָבען אידען געדאַרפט וואַרטען מיט דעם פערבאָט אויף האָזען ביז 1912 ווען מען האָט אין אַמעריקע ענטדעקט דעם באַציל? און ווערט דען דער האָז נאָך יעצט, אפילו ווען מען ווייס שוין זיין שעדליכקייט, ניט געגעסען איבעראַל?

ווי גוט און געזונד איז אויך דער אידישער מנהג ניט צו האַלטען מיט די הענד קיינע „חיות טמאות". ווי קעץ, הינד, א. ד. ג. אפילו לעבענדיגע. די מאָדערנע מעדיצין האָט אין דער לעצטער צייט בעוויזען דאָס 95 פּראָצענט פון קעץ זיינען קאָנסאָמפּטיווס (שווינדזיכטיג). זייערע מיילער זיינען פול מיט שעדליכע באַצילען, וועלכע זיי בעשמירען מיט'ן צונג איבער דער גאַנצער פעל. די פעל פון הונט איז פול מיט לייז, קרעץ, ווערים, און באַצילען. זייערע מיילער זיינען וואהרע טרעגערס פון פערשיעדענע קראַנקהייטען, אויך די טריכינא.

די גוי'אישע ליבע צו חיות, צו ליבלינג-הינד א. ד. ג., שטאַמט נאָך געווים פון די צייטען, ווען זייערע אור-עלטערען האָבען געדיענט און פערהייליגט אַלערליי חיות.

די מעדיצין ווייס פון פילע פאַקטען, ווי מענשען האָבען זיך אָנגעשטעקט מיט פערשיעדענע קראַנקהייטען פון ליבלינג-הינד און קעץ.

ערסט ניט לאַנג, אין אָקטאָבער 1926, איז געקומען אַ בעריכט, דאָס אין דעם האָספּיטאַל פון לאָנג-איילענד קאַ-לעדזש, געפינט זיך אַ פרוי וואָס ליידעט פון „טאַעניע-עכינאָ-קאָקוס" — אַ זעלטענע קראַנקהייט אין דיעזע געגענדען — וועלכע קומט פון פעט-הינד (געפּיעסצעטע, הינד מיט וועלכע מענשען שפּילען זיך). אַ גרויסער פּראָצענט הינד און חזירים טראָגען אויף זיך דיזען טאַפּע-וואָרים פּאַראַזיט, וועלכער איז

ניט לעבענס-געפעהרליך פיר זיי זעלבסט, אָבער איז זעהר שעדליך פיר מענשען.

די הינד לעקען מיט'ן צונג די הענד און פנים פון מענשען און לאָזען איבער דעם אונזיכטבארען ווארים, וועלכער דרינגט אריין אין קערפער און פאנגט אָן צו פערמעהרען זיך דאָרט מיט גרויס שנעלקייט און בעשעדיגט די לעבענס-טהיילען פון קערפער. ארויסטרייבען איהם פון דאָרט איז אונמעגליך.

דיזע קראנקע פרוי און איהר מאַן האָבען זיך אָנגעשטעקט מיט דער קראנקהייט פון אַ בעליעבטען הונד, מיט וועלכען זיי פלעגען זיך שפילען. איהר מאַן איז פון דיזער קראנקהייט געשטאָרבען מיט צוויי יאָהר פריהער. און זי ליידעט יעצט שרעקליכע שמערצען, וועלכע זי האָט אָנפאנגס אָנגענומען פיר רהומאטיזם.

פילע קינדער און ערוואקסענע ליידען פון פערשיעדענע הויט-קראנקהייטען, וועלכע זיי האָבען „געגאשט" פון בע-ליעבטע הינד.

## בשר וחלב

מיר וועלען יעצט בעטראכטען אַ ווענינער וויכטיגען דין, דעם דין פון בשר וחלב, פליישיגס מיט מילכיגס, אין וועלכען רעליגיעזע אידען זיינען אַזוי פיל אָבגעהיט, דאָס זיי האָבען בעזונדערע כלים פיר יעדען פון דיזע סאָרטען שפייז און נאָך פליישיגס עסען זיי קיין מילכיגס גאנצע זעקס שטונדען.

אין 1916 אָדער 1917 האָט אַ געוויסער דאָקטאָר גע-האלטען אַ לעקטשור (לעקציע) אין ניו יאָרק און האָט דע-מאָנסטרירט דעם עפעקט פון מישען דיזע שפייזען אויף פאָל-גענדען אופן: ער האָט אין אַ גלאָז מילך אריינגעגאָסען איי-ניגע טראָפּענס לארד (חזיר שמאלץ) און אין גלאָז האָט זיך גלייך פאָרמירט אַזאַ קאלאמוטנע מיקסטורע, דאָס עס איז אַ גרויסער ספק אויב איינער פון די אנוועזענדע וואָלט געהאַט

חשק צו פערזוכען עס. „דאָס איז דאָס זעלבע, וואָס ווערט אין די גערערים" — האָט געזאָגט דער דאָקטאָר *.

וויסענשאַפט אַלזאָ בעשטעטיגט אַ דין, וועלכער איז אין דער תורה בלויז אָנגעוואונקען, נור די בעלי־התלמוד האָבען איהם ערקלעהרט דעטאַל לויט טראַדיציאָן.

די אידישע דינים פון שפייז האָבען שוין לאַנג געצויגען די אויפמערקזאַמקייט פון גרויסע געלעהרטע.

דעם ערסטען פעברואר 1927 האָט דר. שערמאַן פון אינדיאַנא־אוניווערזיטעט, אין אַ לעקטשור אויפ׳ן דענטיסט קאָנווענשאָן, געזאָגט: „די בעסטע דיעטע וואָס אַ פאָלק האָט ווען געהאַט איז די פון דער תורה, וועלכע די אידען האָבען אַ מאָל אויסגעפאָלגט.

דר. קעלאָג, הויפט פון דעם בעריהמטען סאַניטאַריום אין בעטל־קריק, מישיגען, האַלט אָפט לעקטשורס פיר די פילע פאַציענטען פון סאַניטאַריום און ציינט אָן, דאָס אידען גיבען אַרוים אַ קלענערע צאָהל מאָגען קראַנקהייטען און פון אַ לייכ־טער פאָרעם. ער גיט דאַביי זיין ערקלעהרונג, אַז דאָס קומט דאַפון וואָס אידען האַלטען כשרות און שכור׳ן ניט.

## שחיטה ובדיקה

לאָמיר יעצט בעטראַכטען די וואונדערבאַרע דינים פון „שחיטה ובדיקה".

מיר וועלען דערביי איבערלאָזען די הומאַניטאַרישע אָדער „צער־בעלי־חיים" זייט פון דער פראַגע. אבוואָהל אויך אין דיזען הינזיכט שטעהט די אידישע שחיטה העכער פון אלע אַנדערע סאָרטען שלאַכטונגען.

* אין דעם דין פון בשר בחלב פאַרבלייבט נאָך פיעלעס צו אויפ־קלעהרען, ווי צום ביישפיעל: וואַרום מיר מעגען עסען פליישיגס נאָך מילכיגס און ניט פערקעהרט. איך גלויב, דאָס די וויסענשאַפט, בעזונדערס בעמיע און מעדיצין, וועלען נאָך קומען דערצו.

באַבאַכטעט די שחיטה פון אַ שוחט, ווי אַזוי אין איין סעקונדע שניידט ער איבער מיט'ן חלף, וועלכער איז שאַרפער פון אַ בריטווא (רייזאַר) און גלאַטער פון בוימאויל, די דיקס-טע האַלדז מיט די אַרטעריעס (בלוט-אָדערען) פון אַ בהמה און האַקט איבער די פערבינדונג פון קערפער און קאָפּף, שטעלט אָב דעם צופלוס פון בלוט צום מאַרך, אַזוי דאָס די חיה קען מעהר אויף קיין פאַל ניט פיהלען קיינע שמערצען. ווארום דער צענטער פון פיהלען ליעגט אין מאַרך. און ווען דער מאַרך האָט קיין צופלוס פון בלוט פיהלט ער קיין זאַך; דאַן בעטראַכט די הריגה פון לעבענדיגע בעשעפענישען פון אַנדערע ניט-אידען!

איך האָב איינמאָל געזעהן ווי אַ יונג פון אַ יאָהר זעכצען, אַ קריסט, האָט מיט אַ טעמפּען קוך-מעסער געשלאַכטעט אַ גאַנז. אַנטרעפענדיג מיט'ן מעסער אויפ'ן רוקען פון אַ רינג אין גאָרגעל, וועלכער איז ביי אַ גאַנז זעהר האַרט, האָט ער געכיקעט איבער פינף מינוטען, ביז דער מעסער איז צופעלי-גער ווייזע אַריינגעפאַלען צווישען די רינגען...

דאָס טויטען מיט אַ זעץ פון אַ האַמער אָדער באַלקען איבער'ן קאָפּף איז ניט קיין בעוויז דאָס דער מאַרך פערלירט די אייגענשאַפט פון פיהלען. אפילו דאָס טויטען דורך עלעק-טריציטעט איז ניט בעוויזען דאָס דער בעל-חי הערט אויף צו פיהלען. עס איז בעוויזען געוואָרען דאָס מען האָט געבראַכט מענשען צוריק צום לעבען, איינִיגע שטונדען נאָכדעם ווי זיי זיינען עלעקטרעזירט געוואָרען.

אָבער צער-בעלי-חיים איז ניט אונזער יעצטיגע טהעמא. מיר ווילען בעטראַכטען שחיטה און בדיקה פון שטאַנדפּונקט פון געזונדהייט.

אין די נײַנציגער יאָהרען איז אין דייטשלאַנד געוואָרען אַ בעוועגונג צו פערבאָטען שחיטה. דאַן האָט זיך אויפגע-הויבען פּראָפ. דעמבא פון פעטערסבורג, האָט אָנגעשריבען אַ גרויסע וויסענשאַפטליכע ווערק* וועגען שחיטה און האָט

---

* „השחיטה והבדיקה" להד"ר י. דעמבא, ווארשא תרנ"ו, איז איבערזעצט אין פּוילע שפּראַכען.

פיל צייט געאַרבייט אין די לאַבאָראַטאָריעס פון די גרעסטע דייטשישע שטעדט, און האָט איבערצייגט, דאָס די אידישע שחיטה איז די בעסטע פיר׳ן מענשען׳ס געזונד. ער האָט באַוויזען דאָס די פלייש פון בהמות וואָס זיינען געשלאַכטעט ניט דורך שחיטה, ווערט קאליע אין אַ דריטעל צייט ווי די פון אידישע שחיטה. ווייל דאָס פלייש פון וועלכע דאָס בלוט איז אַרוים קען ליעגען פיעל לענגער. בלוט איז קיין שפייז און איז ניט געזונד פיר מענשען. עס ווערט בלויז מאַנכעס מאָל בענוצט אין געוויסע קראַנקהייטען.

עס איז מערקווירדיג די אידישע בדיקה, דאָס אונטערזוכען פון די לונגען.

דער שוחט איז קיין באַקטעריאלאָג, קיין וויסענשאַפטסמאַן. ער האָט בלויז געוויסע סימנים, דורך וועלכע ער דערקענט דאָס אויב די בהמה האָט געהאַט אַ פעהלער אין דער לונג פון וועלכען זי האָט געמוזט שטאַרבען, איז זי ט ר י פ ה. דאָס זעלבע איז אויך ביי אַנדערע גלידער. נור די אַנדערע גלידער דאַרף ער ניט בודק זיין, סיידען מען באַמערקט אַ פעהלער, ווייל אין די אַנדערע אברים איז אַ טויטליכע קראַנקהייט ניט געוועהנליך און מען קען זיי לייכט בעמערקען.

און דאָ קומט די וויכטיגע פראַגע: ביי אַן עוף איז אויך פאַראַן לונגען, און עס איז בעוואוסט דאָס אויך אַן עוף קען זיין קראַנק אויף די לונגען, ווארום דאַרף דער שוחט אונטערזוכען בלויז די לונגען פון אַ בהמה און ניט פון אַן עוף?

דיזע פראגע איז ניט ענטשיידעט געוואָרען ביז דר. קאָך* האָט ענטדעקט דעם טובערקולאז מיקראב, און עס איז דאַן פעסטגעשטעלט געוואָרען דער פאַקט, דאָס דער טובערקולאז-מיקראב פון אַ בהמה איז אנשטעקבאר צו מענשען, און עס געהט איבער בירושה, אויב ניט דער באַציל זעלבסט, איז אַמוועניגסטען די עמפפינדליכקייט צו דער קראַנקהייט.

* Dr. Robert Koch. The Etiology of Tuberculosis, 1884 127.

וועהרענד ביי אַן עוף איז דער באַציל פון אַן אַנדער סאָרט ווי דער וואָס ביי מענשען. ער אַטאַקירט די געדערים און לעבער פון אַן עוף, און זעהר זעלטען געפינט מען איהם אין די לונגען פון אַן עוף. לונגען-שווינדזוכט ביי אַן עוף איז אַ „מילתא דלא שכיחא". פון וואַנען האָט דער אידישער דין געוואוסט צו מאַכען דיעזען אונטערשיעד? אין דער צייט פון די בעלי התלמוד און נאָך מעהר אין דער צייט פון מתן-תורה איז פון דער לעהרע פון באַקטעריאָלאָגיע נאָך קיין זכר ניט געווען.

אויף וויפיל די אידישע שחיטה איז קאָרעקט און זיכער קאָנען דיענען די פאָלגענדע פאַקטען:

אין יאָהר 1924 איז געווען בעריכטעט אין די אידישע צייטונגען דאָס אין אַ קליין שטעדטעל אין פלאָרידע, האָט אַ שוחט געשאָכטען אַ רינד ביי אַ קריסטליכען בוטשער פיר אידען. דער שוחט האָט ערקלעהרט די בהמה אַלס „טריפה". דער בוטשער, וועמען עס איז געווען אַ גרויסער אונטערשיעד אין פרייז, האָט גערופען אַ דאָקטאָר (וועטערינאר), וועלכער האָט נאָך אַן אונטערזוכונג ערקלעהרט אַז דאָס פלייש איז פאָלשטענדיג געזונד. דער שוחט האָט זיך אָבער ניט אונטער-געגעבען.

עס איז פערבליבען דאָס מען זאָל זיך ווענדען צו דער רעגיערונג. אַ שטיק פלייש איז אָבגעשיקט געוואָרען קיין וואַשינגטאָן צום אַגריקולטור דעפּאַרטמענט, וועלכער נאָך אַ באַקטעריאָלאָגישע עקספּערט-אונטערזוכונג, האָט ער-קלעהרט דאָס די פלייש האָט געהאַט טובערקולאָזים-באַצילען. הרב ושו"ב חיים בראַווערמאַן פון ריטשמאַנד, וו., האָט מיר נאָכהער פערזענליך בעשטעטיגט דיזען פאַקט אַלס „עד ראיה".

פונקט אַזאַ געשיכטע האָט געטראָפען אין 1908 אין קאַלצעסטער, קאָננ., מיט דעם אונטערשיעד וואָס דער סכסוך איז אַרויסגעקומען מיט אַ אידישען בוטשער, מיט'ן זעלבען רעזולטאַט.

אן עהנליכע געשיכטע, נור אויף אַ פערקעהרטען אופן האָט פּאַסירט אין גרינוויל, ס. ק. אין 1919 מיט׳ן שו״ב הרב חיים בראַווערמאַן (יעצט אין ריטשמאָנד, ווא.), ער האָט ערקלעהרט אַ בהמה וואָס ער האָט געשאָכטען אַלס כשר און דער וועטערינאַר, דר. ריטשאַרדס, האָט פערבאָטען דאָס פלייש אַלס פון אַ קראַנקע בהמה. מען האָט דאַן אַרויסגערופען אַ פּראָפעסאָר פון קלומפסאָן קאַלעדזש, דעם סטייט וועטערנאַר פון קאָלומביע ס. ק. און אַ וועטערינאַר פון ספּאַרטענבורג, און זיי אַלע האָבען געגעבען גערעכט דעם שוחט.

רבי בראַווערמאַן האָט מיר אויך דערצעהלט אַן עהנליכע געשיכטע וואָס האָט פּאַסירט אין קאָלומביע, ס. ק., וואו דער שו״ב קערעש, האָט כשר געמאַכט א בהמה און דער וועטע־רינאַר האָט פערבאָטען, און וואַשינגטאָן האָט גע׳פסק׳עט ווי דער שוחט.

אַזעלכע געשיכטעס וועלכע צייגען די פּאַלקאָמענהייט פון אונזערע דינים זיינען דאָ פילע, פילע, ניט־אידישע האָס־פּיטאַלס ברויכען היינט פלייש בלויז פון אידישער שחיטה.

## שווינדזוכט ביי אידען

דר. מאַריים פישבערג, הויפּט פון דער אַבטהיילונג פיר שווינדזיכטיגע אין דער מאָנטיפיאָרע האָס, בעוואוסטער ספּעציאַליסט אין זיין פאַך, האָט געגען זיין אייגענער טהעאָ־ריע אין זיין אנטראָפּאָליגישען בוך „די אידען“ * דאָס די אידישע ראַסע איז פון געמישטען בלוט, זעלבסט צוגעגעבען דאָס „אין די אידישע בלוט איז פאַראַן עטוואָס אַזעלכעס, וואָס בעקעמפּפט די שווינדזוכט־באַצילען“. דאָס צייגט ער אויף אין זיין אַרטיקעל: „קאָנסאָמפּשאָן“ אין „די דזשואיש ענצי־קלאָפּעדיע“.

* די אידען (1911) פון דר. מאַריים פישבערג.

דאָס איז פונקט געגען דער וויט פערשפרייטער מיינונג, דאָס די אידען אין דער געטא ליידען שטאַרק שווינדזוכט.

דר. פישבערג באַשטעטיגט דעם סטאַטיסטישען פאַקט און גיט אָן אַלס די ריכטיגע אורזאַכען דאַפון: כשרות, שחיטה-בדיקה, זויבערקייט און ריינליכקייט פון פאַמיליען-לעבען *.

יא, געווים, דאָס וואָס אידען עסען ניט קיינע שווינדזוכ-טיגע בהמות, קיינע אומריינע חיות, קיין חלב און קיין בשר-בחלב העלפט זעהר פיל אין פערמינערען די צאָהל פון שווינד-זיכטיגע און מאַגען-קראַנקע. „טהרת המשפחה", געשלעכט-ליכע זויבערקייט איז אַ העכסט וויכטיגער פאַקטאָר אין דער אידישער געזונדהייט, קערפערליכער און מאָראַלישער. די מ ק ו ה איז ניט אַ פּאַרצייטיגע, אַלט-מאָדישע זאבעבאנעס, נור אַ העכסט וויכטיגע היגיעניש אײנריכטונג. אָבער ווע-גען דעם וועלען מיר נאָך רעדען שפּעטער. יעצט וועלען מיר זיך אומקעהרען צום ענין.

דער בעריהמטער זעליגער דר. אַלבערט אייבראַמס, דער ענטדעקער פון דער עלעקטראַנישער שטה *, האָט אויפ-געצייגט דעם פאַקט, דאָס די הויפּט שווערע קראַנקהייטען, ווי שווינדזוכט, קאַנסער, א. ד. ג. ענטוויקלען זיך הויפטזעכליך אין מענשען וואָס זייער בלוט איז, דורך אנשטעקונג אָדער בירושה, אומריין פון די בעוואוסטע געשלעכטליכע קראַנק-הייטען.

דעם פאַקט וועגען פּראָפּאָרציאָנעל ווייניגער שווינדזוכט ביי אידען האָט אין יאָהר 1899 אויך די לאָנדאָנער „דזשואיש באָארד אָוו גארדיענס" אויפגעוויזען וועגען דער אידישער בעפעלקערונג פון ווייטשעפעל, לאָנדאָן.

---

* Dr. Morice Fishberg. The Relative Infrequency of Tuberculosis among Jews.

* The Electronic Method of Diagnosis and Treatment, by Alex. Marky. Person's Magazine. Albert Abrams: Man and his Poisons. N. Y. E. B. Trest & Co., 1906.

דאָס זעלבע האָבען בעוויזען פילע אונטערזוכונגען וועגען שווינדזוכט אין פערשיעדענע צענטרומס פון איירָאפּא און אַנדערע וועלט-טהיילען. אין טונים, צב"ש, וואו די אָרעמע אידישע בעפעלקערונג לעבט אין די זעלבע, אויב ניט ערגערע, אונסאַניטאַרישע בעדינגונגען ווי די מחמדאַנער, גיבען זיי דאָך אַרוים אַ פיל קלענערען צאָהל שווינדזיכטיגע *.

דער בעוואוסטער לאמבראזא האָט דאָס זעלבע בעוויזען וועגען די אידען פון איטאַליע, דאָס ביי זיי זיינען טויט-פעלע פון שווינדזוכט מיט זעקס פּראָצענט וועניגער אַלס ביי קאַטאָ־ליקען. דאָס איז טראָץ דעם וואָס דאָס ביסעל אידען אין אי־טאַליע היינט זיינען שוין ליידער שטאַרק אַסימילירט. זיי לעבען נאָך מיט דעם זכות פון זייערע עכט אידישע עלטערען. זייער גע'ירש'ענטער כח האַלט זיי נאָך אויף.

דאַמיט ערקלעהרט זיך פיליכט דער פאַקט, וואָס די איטאַליענער זיינען די צווייטע נאָך דער אידישער ראַסע אין צאָהל פון שווינדזיכטיגע, ווייל אין איטאַליענער איז דאָ פיל אידישעס בלוט....

אגב אורחא, דאָס צוברעכט דר. פישבערגס טהעאָריע וועגען דער אידישער ראַסע. פיל אידישעס בלוט איז אַ דאַנק די גזרות שמד אין מיטעלאַלטער, און די עמאַנסיפּאַציאָן נאָכהער, דאָ אין איטאַליענער, אָבער זעהר וועניג איטאַ־ליענישעס און אַנדערעס בלוט פליסט אין אידישע אָדערען. זעהר וועניג גוים זיינען אידען געוואָרען. די אידישע ראַסע איז אַלזאָ פערבליבען ריין.

עס איז אָבער אויך אַ פאַקט דאָס די אידישע וויטאַליטעט (לעבענס-קראַפט) ווערט אין דער לעצטער צייט אונטער געגראָבען. דאָס איז זיכער אַ דאַנק דעם פאַקט וואָס אַ גרוי־סער טייל אידען פון אונזער דור, האָט אויפגעהערט לעבען לויט דער אידישער טראַדיציאָן און רעליגיעזע פאָרשריפטען.

* M. Fishberg. The Relative Infrequency of Tub. among Jews.

# סטאַטיסטיקע

לאָמיר יעצט זעהן וואָס די סטאַטיסטיק זאָגט וועגען דעם.

ניו־יאָרק, אַלס שטאָדט מיט אַ פערשיעדענאַרטיגע בעפעלקערונג, איז איינע פון די געצעהלטע שטעדט, וואו מיר קאָנען האָבען די סטאַטיסטיק פון קראַנקהייטען און שטערבליכקייט פון פערשיעדענע ראסען און נאַציאָנאַליטעטען. און ווירקליך, מיר האָבען יעצט די סטאַטיסטיק פון די וויטאַלע קראַנקהייטען פון די זיבעצעהן הויפט נאַציאָנאַליטעטען, וואָס בעפעלקערען ניו־יאָרק. פון די אַלע קראַנקהייטען מיט וועלכע די סטאַטיסטיק בעשעפטיגט זיך וועלען מיר דערווייל בעטראַכטען בלויז די וועלכע בעלאַנגט צו אונזער ענין: שווינדזוכט.

מיר נעהמען די סטאַטיסטיק, וואָס די „ניו־יאָרק טובערקולאָזיס אַסאָסיאַציאָן" האָט אין יאָהר 1922 צוזאַמענגעשטעלט, באַזירט אויף די רעקאָרדס פון דער „ביורא אָוו רעקאָרדס" פון דער ניו־יאָרק געזונדהייטס אַבטיילונג, פיר די זעקס יאָהר צייט, פון 1915 ביז 1920, לויט דעם צענזוס פון יאָהר 1920 *.

די „באָראָ אָוו מאַנהעטען" איז דער הויפט טייל, דער עיקר שטאָדט פון ניו־יאָרק. די באָראָ אָוו רעקאָרדס האָט איהר מאַפּע צוטיילט אין 31 סעקציאָנען. כמעט יעדע סעקציע איז בעוואָהנט הויפטזעכליך פון אַן אַנדער נאַציאָנאַליטעט אָדער קלאַסע. עס האָט זיך אַרויסגעוויזען, אַז די אידישע שטערבליכקייט פון שווינדזוכט איז די קלענסטע צווישען אַלע אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, אַזוי דאָס זי בעאיינפלוסט זאָגאַר די ראַטע פון אַלגעמיינע שטערבליכקייט. אין דער צייט וואָס די אַלגעמיינע שטערבליכקייט פון שווינדזוכט פיר דיזע זעקס יאָהר איז געווען 148 פער הונדערט טויזענד, איז די אידישע שטערבליכקייט, אין דער אָרעמער און זעהר

* Tuberculosis Cornered in New York City. Bulletin N. Y. Tub. Ass'n. March-Apr., 1922.

געדיכטער געגענד, וואו עס וואָהנען 650 פּערזאָן אויף איין קוואַדראַט אַקער לאַנד, געווען בלויז 69, אַ גענויע העלפט פון דער אַלגעמיינער ראַטע, שווינדזוכט-טויטע אויף יעדע הונ־דערט טויזענד. דאַצו דאַרף מען ניט פערגעסען דאָס אין ניו-יאָרק איז ניטאָ כמעט קיין געגענד וואו עס זאָל וואָהנען בלויז איין נאַציאָנאַליטעט. אין דער זעלבער געגענד וואָהנט אויך אַ היבשער פּראָצענט פון ניט-אידען. אַנדערס וואָלט וואַהרשיינליך די ראַטע פון שטערבליכקייט געווען נאָך נידריגער. בלויז אין אַ פּאָר פון די רייכסטע און בעקוועמסטע געגענדען פון שטאָדט, מיט אַ געמישטער שיטערער בעפעל־קערונג, איז די שווינדזוכט-שטערבליכקייט נאָך נידריגער, וועהרענד מאַנכע פון די אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען גיעבען אַ פיעל העכערע ראַטע פון שטערבליכקייט. די העכסטע פון זיי זיינען די כינעזער (825 פּער 100,000) און די נעגרען (398 פּער 100,000). די נאָהנטסטע צו אידען קומען די אַמע־ריקאַנער געבאָרענע (מעהרסטענס נאָך יונגע מענשען, וואָס לעבען אין בעסערע אומשטענדען.) און די איטאַליענער.

די זעלבע סטאַטיסטיק דערצעהלט אויך וועגען דעם פאַקט, דאָס דאָרט וואו אידען וואָהנען אין בעסערע געגענדען און אומשטענדען, גיעבען זיי אַרויס נאָך אַ קלענערע צאָהל קרבנות פון שווינדזוכט.

דער שרייבער פון דיזען אַרטיקעל רעכענט די אורזאַכע פון דער נידריגער שטערבליכקייט פון שווינדזוכט ביי אידען און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען, איז ווייל זיי זיינען פיר פילע יאָהר הונדערט איינוואָהנער פון גרויסע שטעדט און עס האָט זיך ביי זיי אויסגעאַרבייט אַ געוויסע אימיוניטעט צו דער קראַנקהייט. וועגען דעם וועלען מיר נאָך רעדען אַביסעל ווייטער.

מר. גאַדיאַם דזשיי. דראָלעט, דער סטאַטיסטיקער פון דער „נ. י. טובעקולאָזיס אַסאָסיאַציאָן“, האָט צוזאַמענגע־שטעלט די סטאַטיסטיק פון די שווינדזוכט-שטערבליכקייט

לויט די נאַציאָנאַליטעטען אין ניו־יאָרק, פיר די פיער יאָהר פון 1918 ביז 1921 *.

לויט דיזער סטאַטיסטיק שטעהען אידען נאָך אַלס אונ־טער דעם אַלגעמיינעם דורכשניט פון שווינדזוכט שטערבליכ־קייט. אָבער דער פערהעלטניסמעסיגער אונטערשיעד איז פיל פערקלענערט געוואָרען. וועהרענד אין דער פריהעריגער סטאַטיסטיק פון די זעקס יאָהר צווישען 1913—1920 (איינ־געשלאָסען) איז געוועזען די פערהעלטנים פון 69 אידען צו 148 ניט־אידען פער הונדערט טויזענד, איז אין די פיער יאָהר די פערהעלטנים פון 86-92 צו 122 פער הונדערט טויזענד.

די אורזאַכע דאפון דאַרף מען זוכען לויט מיין מיינונג אין דעם פאַקט, וואָס פילע אידען, וועלכע זיינען רייכער געוואָרען אין דער צייט פון מלחמה, האָבען זיך אַרויסגעצויגען פון די אָרעמע געגענדען און אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען האָבען פער־נומען זייער פלאַץ. מיר מוזען נאָך אַלס געדענקען, דאָס קוון דירעקטע סטאַטיסטיק פון אידען איז אייגענטליך ניטאָ. די סטאַטיסטיקע רעכענט זיך בלויז מיט דער געגענד, לויט איהר הויפּט בעפעלקערונג, און עס נעהמט אַריין אויך אַ צאָהל פון אַנדערע נאַציאָנאַליטעטען.

דער געזונדס־צושטאַנד פון די ניט־אידען איז פערבע־סערט געוואָרען דורך סאַניטאַרע מיטלען פון שטאָדט און דורך בעסערע לעבענס־בעדינגונגען זינד די מלחמה. נאָר מיר וועלען נאָך האָבען די געלעגענהייט צו רעדען וועגען די אורזאַכען אַביסעל שפּעטער.

די פערהעלטניסמעסיגקייט פון אידען צו ניט־אידען איז אויך אין דיזער סטאַטיסטיק, כמעט די זעלבע. דעם העכסטען צאָהל שווינדזוכט־טויטע גיעבען די כינעזער און נעגרען, דעם נידריגסטען — אידען. נאָך די אידען קומען די היגע גע־באָרענע, דענעמאַרקער און איטאַליענער.

---

* Tuberculosis among different Nationalities in New York, by Godias J. Drolet. Bul. N. Y. Tub. Ass., May-June, 1923.

די „ניו־יאָרק ביורא פון אידישע געזעלשאַפטליכע פאָר־שונג", האָט אין דיזען יאָהר, 1928, פערעפענטליכט אַ סטאַ־טיסטישע ווערק מיט׳ן נאָמען „אידיש געזעלשאַפטליכער איבערבליק פון גרויס ניו־יאָרק" *. אין דיזען בוך ווערט געגעבען די סטאַטיסטיק פון שטערבליכקייט און קראַנקהיי־טען פון די אידען אין ניו־יאָרק, אין יאָהר 1925, אין פערגלייך מיט ניט־אידען, ווייסע, פון די פעראייניגטע שטאַטען אין יאָהר 1923, באַזירט אויפ׳ן צענזוס פון 1920. די סטאַטיסטיק צייגט צוויי הויפט־שטריכען: 1) דאָס ביז דער עלטער פון 45 יאָהר איז די שטערבליכקייט ביי די אידען פון ניו יאָרק בעדייטענד קלענער פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג. פון 45 יאָהר און העכער וואַקסט די אידישע שטערבליכקייט און שטייגט אַריבער פיל די שטערבליכקייט פון דער אַלגעמיינער בעפעלקערונג. 2) דאָס בלויז די צוויי קראַנקהייטען: האַרץ און צוקער קראַנקהייטען זיינען ביי אידען מעהר פער־שפרייט ווי ביי ניט־אידען (דער פּראָצענט ניט קיין גרויסער). אַלע אַנדערע קראַנקהייטען, בעזאָנדערס שווינדזוכט, נעפרי־טיס (נירען קראַנקהייט) און ווענערישע קראַנקהייטען איז ביי אידען פיל ווייניגער ווי ביי די ניט־אידען.

עס מוז דאַביי בעמערקט ווערען, אַז דיזע סטאַטיסטיק איז ניט פאָלקאָם, ווייל דער פערגלייך איז פון בלויז די אידען פון ניו־יאָרק, די העכסטע בעפעלקערטע שטאָדט, וואו די אי־דישע בעפעלקערונג איז פערהעלטניסמעסיג אַ יונגע, אַן עמיג־רירטע, וועמעס אָנשטרענגונג פיר עקזיסטענץ און עקאָנאָ־מישע שטייגונג איז זעהר גרויס, מיט דער וואלהאבענדער, בעקוועם־לעבענדער בעפעלקערונג פון גאַנצען לאַנד, איז ווייט ניט ריכטיג. אויסער דעם איז ניו־יאָרק דער גרעסטער פּראָצענט אימיגראַנטען און אין לאַנד איינגעבאָרענע. ליידער גיט אונז ניט דיזע ווערק די סטאַטיסטיק פון ניויאָרקער אידען

* Jewsih Communal Survey of Greater N. Y., by N. Y. Bureau of Social Researches.

אין פערגלייך מיט ניו־יאָרקער ניט־אידען, וו אויך די סטאַ־טיסטיק פון אידען און ניט־אידען פון גאַנצען לאַנד.

דאָך גיט זי אונז אַ גאַנץ שעהנעם בעגריף פון דעם צושטאַנד. און בעשטעטיגט דעם פאַקט וואָס שווינדזוכט איז ביי אידען פיל וועניגער (32.1 געגען 121.0 פער הונדערט טויזענד) *.

אין געגענזאַץ צו דיזער א י ד י ש ע ר סטאַטיסטיק, ציינגט אויף דר. לואיס איי. דובלין, דער סטאַטיסטיקער פון דער „מעטראָפּאָליטען לייף אינשורענס קאָ.“ * פונקט דעם הפך.

דר. דובלין האָט צוזאַמענגעשטעלט די סטאַטיסטיק פון ניו־יאָרק סטייט פיר׳ן יאָהר 1910. ער ווייזט אויף דאָס אין דער צייט ווען די איינגעוואַנדערטע פון אַנדערע נאַציאָנאַלי־טעטען פון איבער 45 יאָהר גיעבען אַ פּראָגרעסיווען העכערען צאָהל שטערבליכקייט אַלס די אַמעריקאַנער געבאָרענע פון אַמעריקאַנער עלטערען, טראָץ דעם וואָס אין זייערע גע־בירטס־לענדער איז זייער לעבענס־שפּאַן אַ נאָרמאַלער, האָבען די איינגעוואַנדערטע אידען מיט אַ גאַנצען יאָהר מעהר לע־בענס־ערוואַרטונג אפילו פון די היגע געבוירענע. ער דער־קלעהרט דאָס דאַמיט, וואָס דער אימיגראַנט בכלל פערלירט זעהר פיל פון זיין לעבענס־קראַפט ביז די מיטעלע יאָהרען דורך דער וואַנדערונג און אנשטרענגונג, און שלעכטע קאָנ־דיציאָנען אין דער ערסטער צייט פון זיין איינוואַנדערונג. די אידען זיינען אָבער אַן אויסנאַהמע מ י ט ז י י ע ר ב ע ־ וו א ו ס ט ע ר ל ע ב ע נ ס ־ ק ר אַ פ ט א ו ן ל אַ נ ג ל ע ב ע ן *. דאָס זעלבע איז די פערהעלטניסע אין די ווי־טאַלע קראַנקהייטען, בעזונדערס שווינדזוכט, אין וועלכע אידען צייכנען זיך אוים מיט דער קלענערער צאָהל קראַנקע.

---

* The Mortality of Foreign Race Stocks, by L. I. Dubbin, Ph D. 1923.

* קאַרטע 4, זייטע 24.

* זייטע 88 89.

יעצט ווען מיר זיך אומקעהרען צו אונזער ענין, וועגען די אורזאכען פון דער קלענערער צאהל שווינדזוכט ביי אידען.

די אידישע סטאטיסטיק שווייגט אין גאנצען און גיט קיין בעלייכטונג צו דיזער ערשיינונג. די מיינונג פון דר. מאריים פישבערג האבען מיר שוין געזעהן אין זיין ארטיקעל „קאנסאמפשאן" (שווינדזוכט) * און אין זיין פאמפלעט „די רעלאטיווע זעלטענהייט פון שווינדזוכט ביי אידען" *, רעכענט ער אלס די הויפט אורזאכע די אידישע געזעצע פון כשרות און זייער זויבערקייט *.

דער סטאטיסטיקער פון דער „ניו-יארק טובערקולאזיס אסאסיאציאן", מר. ג. דזשיי דרלעט *, גלויבט ניט אז די אורזאכע ליגט אין די געזעצע פון תורת משה. נאר אין דעם פאקט וואס אידען האבען פיר לאנגע דורות געלעבט אין די געטהאס פון די גרויסע שטעדט אין איראפא, האט זיך אין זיי אויסגעארבייט א ווידערשטאנדס-קראפט צו דיזער קראנקהייט, וועלכעס איז נאכהער איבער ב י ר ו ש ה. פיר א צווייטען פאקטאר רעכענט ער די אומגעבונג (ענווייראמענט), די פערהעלטנים בעסערע לעבענס-בדינגונגען. ער נעהמט א ראיה פון די איטאליענער וועלכע קומען אויך פון גרויסע שטעדט און זיינען די נעקסטע צו אידען.

מר. דראלעט ווייס וואהרשיינליך ניט דעם פאקט, וואס די מעהרסטע אידישע עמיגראנטען קומען פון די קליינע שטעדטליך פון איראפא: רוסלאנד, פוילען און רומעניע, וועלכע דא, אין די שטאטען רעכענען זיך פיר קליינע דערפליך. זאגאר די גרעסערע שטעדט פון יענע לענדער, קענען זיך קוים פערגלייכען מיט די היגע קאנטרי-שטעדט.

---

* זעה

* אין זיין פאמפלעט „טובערקוליסיס אמאנג דזשוס" רעכענט ער אלס אורזאכע די בעסערע עקאנאמישע קאנדיציאנען.

דער פאַקט איז דאָס אין איטאַליע זעלבסט, לויט לאָמבראזא*, ליידען אידען פיל וועניגער ווי די איטאַליענער און דאָס זעלבע איז אין אַנדערע לענדער. און אויב אָנעהמען דעם פאַקט פון י ר ו ש ה קען דאָך דאָס אויך זיין אַ רעזולטאַט פון די א י ד י ש ע ג ע ז ע צ ע פונקט ווי פון דער היסטאָרישער גהעטאָ. צווייטענס וואַרום האָט זיך ביי אידען ניט אויס-געאַרבעט קיין אימיוניטעט צו האַרץ און צוקער קראַנקהיי-טען? ווערט דאָס ניט פיליכט ערקלעהרט מיט דעם פאַקט וואָס דיזע קראַנקהייטען האָבען ניט קיין דירעקטע שייכות צו די געזעצע פון דער תורה?

איך זאָג „דירעקטע שייכות“, ווייל לויט מיין מיינונג האָבען דיזע מחלות א שייכות, אויב ניט מיט'ן געשריבענעם געזעץ איז מיט דעם גייסט פון דער תורה, מיט דער מדה פון בטחון, פון זיך בענוגענען מיט וועניג, פון ניט זאָרגען צופיל. ווייל אויף וויפיל עס איז באַוואוסט זיינען ווירקליך די הויפט אורזאַכען פון דיזע קראַנקהייטען, זאָרג, אויפרעגונג און צופיל אנשטרענגונג* און ליידער, דאָס לעבען פון היינטיגער צייט ברענגט דעם אידען, מעהר ווי יעדען אַנדערען פיליכט, צו עקסייטמענט (אויפרעגונג). ווערענד די גוטע מידות פון אַבסאָלוטען גלויבען, בטחון און בענוגענונג, מיט וועלכע אונ-זערע עלטערען האָבען זיך אַמאָל אויסגעצייכענט, פעהלט היינט ביי אַ בעדייטענדע צאָהל אידען. דריטענס, וואַרום האָט זיך ביי די דייטשען און אַנדערע וועסט אייראָפּעאישע פעלקער ניט אויסגעאַרבייטעט קיין אימיוניטעט צו האַרץ-קראַנקהייט, פון וועלכע זיי ליידען אַזוי שטאַרק, און וועלכע, לויט אַ געוויסער דאָקטאָר אין שווייצאַריע האָט מיט אַמאָל ערקלעהרט, קומט עס זיי פון געברויכען צופיל ביער, וועלכע זיי בענוצען פאַר גאַנץ לאַנגע דורות? און וואַרום האָט

---

* The Relative Infrequency of Tuberculosis Among Jews, by Dr. M. Fishberg.

* דאָך קען עס האָבען אַ דירעקטע שייכות מיט דעם נײנטען און צעהנטען געבאָט „לא תחמוד“ פון די עשרת הדברות.

זיך ביי קריסטען ניט אויסגעאַרבייט קיין אימיוניטעט צו טריכינאזיס, וואָס קומט פון חזיר אָדער צו טולארעמיע פון האָזען, וועלכע זיי עסען פון נאָך פאר היסטאָרישע צייטען? פיערטענס, ווארום ליידען אידישע פרויען פון קאַנסער אין מוטערלייב ביי 20 מאָל ווענינער פון אַנדערע פרויען, וועה־רענד פון אַלגעמיינעם קאנסער ליידען זיי גלייך מיט אַנדערע?

אָבער דער אמת איז, ווי פיעלע האָבען בעמערקט, די אורזאַכע פון וועניגער שווינדזיכט ביי אידען ליעגט אין די כשר געזעצע און מעהר זויבערן לעבען, סיי אין דעם הינזיכט פון אַלקאָהאָלישע געטרענקע און סיי אין דעם הינ־זיכט פון פאַמיליען לעבען. (אידען גיעבען דעם קלענסטען פראָצענט פון ווענערישע קראַנקהייטען, אפילו היינט, ווען דאָס רעליגיעזע לעבען איז פיעל אָבגעשוואַכט). אַלס בע־ווייז דערצו קען לויט מיין מיינונג, דיענען דער פאַקט, וואָס זינד 1915 ביז 1925, טראָץ די בעסערע לעבענס־בעדינגונגען, האָט זיך ביי די אידען פון ניו־יאָרק די שטערבליכקייט פון שווינדזוכט * לויט די לעצטע סטאַטיסטיקע, פערגרעסערט אויף עטליכע פראָצענט. און אויך אָן אַנדער פאַקט, וואָס וועהרענד ביי איטאַליענער ליידען די פרויען פון שווינד־זוכט מעהר אַלס די מענער, איז ביי די אידען פונקט פער־קעהרט *. דאָס איז ווייל אַ דאַנק די פערבעסערטע אומ־שטענדען, איז דאָס רעליגיעזע לעבען געוואָרען שוואַכער. אָבער אין דער צייט וואָס די אידישע פרוי, אין די מעהרסטע פעלע, האַלט אָן אַ כשר׳ע הויז, איז דער מאַן וואָס לויפט אַרום דעם גאַנצען טאָג פיר „ביזנעס" אָדער מיט געזעל־שאַפט, על פי רוב וועניגער מדקדק מיט כשר עסען.

אומגעבונג, לופט און שפייז זיינען געווים וויכטיגע פאַקטאָרען אין דעם ענין פון שווינדזיכט. זיי האָבען אַ ווירקונג אויף דער אידישער ראסע פונקט ווי אויף אַנדערע.

* Jewish Communal Survey of Greater New York.

* The Mortality of Foreign Race Stocks, by Dr. L. I. Dubln.

דאָך איז עס אַ פאַקט, דאָס די אידישע שפייז-געזעצע און פאמיליען-זויבערקייט איז פיל צו פערדאַנקען פיר דער קלע־נערער צאָהל שווינדזכטיגע ביי אידען. דאָס איז וואַרשיינ־ליך דער הויפט פאַקטאָר.

רעווערענד פ. וואוד,* ברענגט די סטאַטיסטיקע, וועלכע דר. אַדלער האָט צוזאַמענגעשטעלט לויט דעם צענזוס פון 1880, וועלכע צייגט, דאָס גייסטיג קראַנקע ביי אידען זיינען דאַן געווען 44.5 געגען 336 פער הונדערט טויזענד אַלגעמיינע. דר. אַדלער האָט עס ערקלעהרט דאַמיט וואָס אידען זיינען איינ־געהאַלטען פון אַלקאָהאָלישע געטרענקע, מיט פערהעלטנים־מעסיג קליינע צאָהל פון געשלעכטליכע קראַנקע, וואָס, אגב אורחא, האָט פיל צו פערדאַנקען דעם דין פון מ י ל ה און מיט פריה-צייטיגער הייראַט. דר. וואוד גיט צו: „די געזעצגע־בונג פון משה, וואָס איז דיסקוטירט געוואָרען אין דיזען בוך, אויב עס ווערט טריי אָבגעהיט, האָט געקענט האָבען בלויז אַ מערקזאַמען גוטען עפעקט אויפ'ן גייסט און קערפער פון דער גאַנצער אידישער ראַסע, העלפענדיג אויף דעם אופן צו דעם „וואונדער איבער וואונדערס" פון זיין איבערלעבען אַלעס, און פון זיין לעבענס-קראַפט".

## נידה און קאַנסער

ואל אשה בנדת טמאתה לא תקרב לגלות ערותה.

(ויקרא י"ח)

מיר וועלען יעצט אַריבער געהן צו אַן אַנדער וויכטיגען, נור ליידער אָפט אויסגעלאַכטען אָדער פערנאַכלעסיגטען דין פון דער תורה, וועלכע די אמת'ע וויסענשאַפט בעשטעטיגט מיט סטאַטיסטישע דאַטען, דאָס איז דער דין פון נ ד ה.

אין אונזער צייט פון ביליגע אינטעליגענץ, פוסטער בעריהמעריי וועגען מאָדערניזם, אויסגעלאַסענהייט און אונ־

* Moses, the Founder of Preventive Medicine, by Percival Wood.

וויסענדע פערשפּאַטונג פון רעליגיאָן אַלס צייכען פון אבער־גלויבען, פאַנאַטיזם און אָבגעשטאַנענקייט, איז דער דין פון נדה פעראַכטעט און פערשפּאָטעט. נון איז אויפגעשטאַנען אַ גרויסער מאַן, דר. חיים ספּיוואַק ע״ה, וועלכער פלעגט זיך זעלבסט רופען „רויטער שברויטע״ אין פּאָליטישע עקאָנאָמישע פראַגען, און קלעהרט אויף די וויכטיגקייט פון די דינים פון נדה און מקוה פון היגיעניש־מעדיצינישען שטאַנדפּונקט, און ראטה אַלע אידישע פרויען צו אָבהיטען זיי *.

און בויען בויט ער זיינע ערקלעהרונגען אויפ׳ן סטאַטיסטישען בעריכט פון אַן אַנדער בעריהמטען דאָקטאָר, דאָס איז דר. הייראַם נ. וויינבערג, הויפּט פון דער אַבטהיילונג פיר פרויען קראַנקהייטען און פון דער דיספּענסערי פון דעם בעריהמטען האָספּיטאַל „מאונט סייני״ (הר סיני), ניו־יאָרק.

דיזער דר. האָט אין יולי 1919 פאַרעפענטליכט אַ בעריכט אונטער׳ן טיטעל „די פערהעלטניסמעסיגע זעלטענהייט פון קאַנסער פון מוטערלייב ביי פרויען פון דער אידישער ראַסע *.

אין דיזען בעריכט, שרייבט דר. וויינבערג, אַז ער האָט געמאַכט אַ גרינדליכע אונטערזוכונג איבער דעם צאָהל פרויען וואָס האָבען בעזוכט די דיספּענסערי פון יאָהר 1893 ביז׳ן יאָהר 1906. אין משך פון דיזע דרייצעהן יאָהר האָבען בעזוכט די דיספּענסערי 19,800 פרויען. פון דיזע זיינען געווען: 18810 אידישע 95 פּראָצענט) און 990 ניט־אידישע. פעלע פון קאַנסער אין געביהר־מוטער זענען געווען אַכצעהן, ניין ביי אידישע און ניין ביי ניט־אידישע; וואָס מאַכט אוים: ביי אידישע איין קאַנסער פאַל אויף 2090 בעזוכער,

---

* זעה „פאָרווערטס״ יאהר 1922, אויגוסט 6, 20, 27; סעפּט. 3, 10; דעצעמבער 31.

* Dr. Hyram N. Vineberg, The Relative Rareness of Cancer in the Uterus of the Jewish Women, 1919.

און ביי ניט-אידישע איין פאל אויף 110 בעזוכער, אָדער כמעט צוואנציג מאָהל מעהר. דערצו דארף מען וויסען דאָס כמעט די אַלע אידישע פרויען זיינען געווען אימיגראַנטקעס פון רוסלאַנד, פוילען און עסטרייך, וועלכע האָבען דאָ געלעבט אין ווייט ניט קיין גוטע עקאָנאָמישע און סאַניטאַרישע בע-דינגונגען.

דר. וויינבערג שרייבט ווייטער אין זיין בעריכט, דאָס זיין מיטאַרבייטער, דר. י. ס. רובין, האָט געמאַכט אַ זעהר גרינדליכע אונטערזוכונג אין דער דיספענסערי אין די יאָהרען 1909—1918. די צאָהל פון אַלע בעזוכער פאַר דיזע ניין יאָהר איז געווען 30,000. פון זיי אידישע 28,000, ניט-אידישע 2,000. פעלע פון קאַנסער אין מוטער-לייב איז געווען: אידינעס 13. אָדער איינע פון 2154 בעזוכערינס און ניט-אידענעס 7 אָדער איינע פון 285 בעזוכערינס.

דר. רובין האָט אויך גרינדליך אונטערזוכט די פערצוויכ-נונגען פון אַלע פעלע פון פרויען קראַנקע, וועלכע זיינע גע-לעגען אין האָספּיטאַל אין די יאָהרען פון 1911 ביז 1918. דיזע אַלע פרויען האָבען געהאַט אַ גרינדלכע און פאָלקאָמע אונטערזוכונג, פיל בעסער אַלס אין דיספענסערי. די אַלגע-מיינע צאָהל פאַציענטען פאַר דיזע יאָהרען איז געווען 30,000. פון זיי 28,000 אידישע און 2000 ניט-אידישע פרויען. פעלע פון סערוויק (געביהר-מוטער) קאַנסער איז געווען: ביי אידענעס 32, אָדער איינע פון 937, און גויעס 33 אָדער איינע פון יעדע 61. דאָס מיינט דאָס גויעס האָבען געליטען פון קאַנסער אין מוטערלייב פופצעהן מאָהל מעהר אַלס אידענעס. דאַצו דארף מען וויסען אַז דער אונטער-שייד איז בלויז אין קאַנסער פון מוטער-לייב, וועהרענד אין אַנדערע אָרגאַנען ליידען אידישע פרויען פון קאַנסער צו-גלייך מיט ניט-אידישע און מאַנכעס מאָל נאָך מעהר.

דר. וויינבערג שטעלט זיך אָב אויף דיזער זאָנדער-באַרער ערשיינונג און פרעגט: צו וועלכע אורזאַכען קאָן מען צושרייבען די בעשיצטקייט פון דער אידישער פרוי פון

קאַנסער אין די געשלעכטס־אָרגאַנען? וואָס איז דאָ אַזעלכעם איק'ם ארט לעבען אָדער זיטען ביי אידען וואָס אונטערשיידעט די אידישע פרוי פון די זעלבע קלאַסע פרויען פון אַנדערע פעלקער? און ער קומט צום בעשלום דאָס דער ענטפער ליעגט אין **דער שטרענגער אבהיטונג פון די אידישע פרויען די אַלע פאָרשריפטען פון תורת משה אין אַלעם וואָס אנבעלאַנגט זייער פערהייראַטען לעבען.**

לויט דעם דין פון אונזער תורה מוז אַ פרוי נאָך אַ בלוטפלוס (מענסטרואַציע) צעהלען 7 אומריינע און זיבען ריינע טעג, נאָך וועלכע זי דאַרף האָבען טבילה אין פליסענדע וואַסער אָדער מקוה * בעפאָר זי איז מותר צו איהר מאַן. אין פאַל פון ניט רעגעלמעסיגע מענסטרואַציע קאָן זיך מאַכען דאָס זי זאָל מאָנאַטען לאַנג זיין אָבגעשיידעט פון איהר מאַן. נאָך'ן געבורט פון אַ אינגעל דאַרף זי וואַרטען 14 טעג און נאָך'ן געבורט פון אַ מיידעל 21 טעג. און אין מאַנכע ערטער איז מען זיך נוהג צו וואַרטען נאָך אַ אינגעל 40 טעג און נאָך אַ מיידעל 80 טעג. וועהרענד ניט־אידישע פרויען ווייסען ניט פון אַזעלכע רעגודלאַציאָנען און גיעבען נאָך זייער אָדער זייערע מענערס יצר־הרע אין צייט פון נדה און אַ קורצע צייט נאָך קינדבעט.

עס איז אין אַלגעמיין אין מעדיצינע אָנגענומען די מיינונג דאָס אַ דויערענדע רייצונג אָדער רייבונג איז איינע פון

---

* מקוה מיינט אַ פערזאַמלונג פון וואַסער אינע אַ גראָבען אָדער געביידע, וואָס ווערען ניט טמא (אומריין), וועהרענד אַ וואַנע איז אַ כלי און אַ כלי ווערט יא טמא. אַזוי, די וואַנע ווערט אומריין פון דער נדה און קען די פרוי ניט רייניגען. דאָס איז פונקט ווי צו שפּייען אין אַ גלאָז און טרינקען די וואַסער. די מקוה אָדער קוואַל מוז זיין פון אַ געוויסער מאָס, וואו די פרוי זאָל זיך קאָנען אבטונקען, טובל זיין, שטעהענדיג דוקא. אַנדערס קען די וואַסער ניט אַריינדרינגען אין די בעהאַלטענע פלעצער פון איהר קערפער. אַזוי זאָגט אין אַ לעקטשור מיין פריינד, דר. י. סמיטהליין.

די הויפט אורזאכען פון קאנסער. דאס ערקלעהרט ווארום פערהייראטע פרויען ליידען אפטער פון קאנסער אין מוטער־לייב אלס אונפערהייראטע.

די פרומע אידישע פרוי, וועלכע היט אב די דינים פון נידה איז ניט אונטערוואָרפען דיזע רייצונג צוויי וואכען אין מאנאט, און דאס פערהיט איהר פון דיזען סארט קאנסער.

דאס איז אין קורצען דער בעריכט פון דר. וויינבערג, און צוזאמען מיט דר. ספיוואק ע"ה קאנען מיר אויסרופען: אידישע פרויען, רייניגט זיך און זייט געהייליגט!

אט אזוי בעשטעטיגט די וויסענשאפט, ניט צילענדיג, די דינים פון תורת משה און תלמוד פון שטאנדפונקט פון קאנסער.

די זעלבע וויסענשאפט וועט נאך זיכער, מיט דער צייט, ענטדעקען נאך אנדערע טעמים צו דער זעלבער מצוה.

אגב אורחא וויל איך דא בעמערקען נאך איין זאך: די דינים פון נדה און דער גוטער אידישער מנהג פון בע־זונדערע בעטען, זיינען וויכטיגע פאקטארען צו פריעדליכען צוזאמענלעבען און וועניגער גט'ן צווישען פרומע פאר־פאלקם אלס צווישען פרייע און ניט־אידישע. ווארום די ערס־טע ווערען ניט אזוי שנעל מאוס, צוגעעסען איינע אויף די אנדערע. זיי האבען גענוג צייט פון אבגעזונדערטקייט, אום צו פערבענקען זיך איינע נאך די אנדערע און צו אנזאמלען נייע געשלעכטליכע ענערגיע. דער מענשליכער קערפער איז ניט אימער אין גוטען אנציהענדען און אנגענעמען צושטאנד. אויך ליעבע האט איהרע פעריאדען פון קאלט און ווארעם. זי בעזיצט איהר אייגענארטיגע היגיענע און אויפהאלטונגס־מיטלען.

די דינים פון אונזער תורה וועגען געשלעכטליכען לעבען זיינען דער בעסטער מיטעל פיר ש ל ו ם - ב י ת.

# אידישע היגיעניע — נטילת ידים

„שאו ידיכם קדש",,,

און ווען מיר רעדען וועגען קערפערליכע רייניליכקייט, דארף מען דערמאנען וועגען נאך א וויכטיגען דין פון אידי־שער רייניליכקייט. דאס איז דער דין פון „נטילת ידים".

ביז מיט א קורצע צייט צוריק האבען מענשען, אפילו פון די צוויליזירטע פעלקער, ניט געוואוסט פון וואשען זיך נאך'ן שלאף, נאך מענשליכע בעדערפניסע אדער בעפאר'ן עסען. פילע פראקטיצירען דאס נאך ניט אפילו היינט. וועהרענד דער איד פראקטיצירט עס שוין צייט יאהרטוי־זענדע אלס רעליגיעזען פארשריפט, ביי וועלכען ער מאכט א ברכה און לויבט גאט פיר דער גוטער עצה.

ווי גוט, שעהן און געזונד איז דיעזער איינפאכער מנהג! ווערט ער דען ניט בעשטעטיגט פון דער מאדערנער היגיענע און מעדיצינע! די הענד זיינען אימער בעשעפטיגט, בעריה־רען אלעס און זיינען אפט בעדעקט מיט מיקראבען וועלכע מיר קאנען ניט זעהן. דאך, פילע מאדערניזירענדע אידען, האבען דיזען מנהג פערווארפען, בלויז דערפאר וואס ער טראגט א רעליגיעזען שטעמפעל.

עס זעהט אוים פונקט ווי זיי ווילען טאהן דעם רבש"ע להכעים... דער איינפאכסטער פרומער איד וואשט דאך אב פון זיינע הענד די נאכט־שמוץ און די שמוץ פון ארבייט בעפאר ער בעריהרט שפייז אדער א כלי און בעפאר ער נעהמט א ביסען צום מויל. אבער דער מאדערניזירענדער נעהמט זיין שפייז צום מויל אפט מיט די שמוציגסטע הענד... און די הענד קאנען זיין שמוציג, פול מיט מיקראבען, ווען אפילו זיי זעהן אוים ריין.

אין 1912 איז אין דרעזדען, דייטשלאנד, געוועז א היגי־ענישע אויסשטעלונג. די אידישע געמיינדע האט דארט געהאט אן אבטהיילונג פון אידישע היגיענע, אידישע שפיי־זען, שבת, מקוה און אפילו דער טראדיציאנעלער ט ש א -

ל ע נ ט איז דארט געווען רעפרעזענטירט. די גרעסטע געלעהרטע וואס האבען די אויסשטעלונג בעזוכט, האבען בעוואונדערט די אידישע אינסטיטוציעס, בעזונדערס דעם שבת און מקוה, און אונזער טראדיציאנעלער טשאלענט, וואס איז נעביך אזוי אין חרם ביי אונזערע פריי-געזאנענע פיינשמעקערס, האט דארט שטארק אויסגענומען און איז אנערקענט געווארען אלס א פאלקאם געזונדטע שפייז * (נאטירליך ווען מען עסט עס ניט צופיל איבער זיין רייצענ-דען טעם).

## צרעת (לעפראסי)

דר. קאצענעלסאן * האט אויסגעפארשט און בעשריבען די דינים פון „צרעת", הויט-קראנקהייטען אין דער תורה און האט באוויזען, דאס די סימפטאמען, וועלכע די תורה גיט אן, ווי אויך די ערסטע היגיענישע פארשריפטען: אב-זונדערונג, „מחוץ למחנה", — קאראנטין — א העכסט מאָ-דערנע אינסטיטוציע, שטימען אין אלע פונקטען מיט דעם לעצטען ווארט פון וויסענשאפט וועגען דיזען ענין.

דער מצורע האט געמוזט האבען ט ב י ל ה נאך זיין געזונד ווערען און האט געמוזט וואשען זיינע קליידער, בע-פאר ער האט געמעגט קומען צווישען מענשען. ווארום? די תורה זאגט ניט. עס איז אבער בעוואוסט אין מעדיצינע, דאס די מענשען, וועלכע האבען געליטען פון אנשטעקענדע קראנקהייטען, טראגען אויף זיך די באצילען פון דער קראנק-הייט און זיינען געפעהרליך פיר אנדערע, אפילו נאך זייער געזונד ווערען.

א מת איז לויט דער תורה ניט הייליג, נור אומריין. און די מענשען וואס בעשעפטיגען זיך ארום א מת זיינען

* טאגעבלאט 1912.

* שמות הנגעים בכתבי הקדש. ד"ר י. קצנלסון, הוצ. חיים ברלין, תרפ"ח.

„טמא גאַנצע זיבען טעג און טאָהרען ניט קומען צווישען מענשען בעפאַר זיי זיינען זיך טובל. און דער כהן, דער רעליגיעזער פאַרשטעהער, וואָס קומט אין בעריהרונג מיט די פילע מענשען פון דער געמיינדע, האָט ניט געטאָהרט אפילו אַריינקומען אין דער הויז וואו עס ליגט אַ טויטער אָדער אויפ'ן „בית-עלמין".

דאָס איז אַ וואונדערבאַר קלוגער, היגיענישער געזעץ, צו וועלכען עס האָבען זיך ניט אויפגעהויבען די העכסטגעבילדעטע פעלקער פון אונזער צייט.

אגב אורחא, דער נייער מנהג ביי אידען אין אַמעריקע צו אַריינטראָגען אַ „בר מינן אין שוהל, איז געגען אונזער תורה און געגען היגיענע.

## מילה

זאת בריתי אשר תשמרו ביני וביניכם ובין זרעך אחריך. המול לכם כל זכר... ובן שמונת ימים ימול לכם כל זכר לדורותיכם (בראשית י"ז).

מילה ווערט היינט אנערקענט פיר אַ העכסט וויכטיגע אינסטיטוציע פון היגיענישען שטאַנדפונקט. פיעלע מוהלים אין אַמעריקא האָבען אָפט אַ גאַנץ שעהנעם איינקונפט פון מל זיין קריסטליכע קינדער.

פראָפעסאר הערערעט פון ברלין, אין אַן אַרטיקעל געדרוקט אין דער מעדיצינישער צייטשריפט „כירורגע", דוכט מיר, אָקטאָבער 1926, זאָגט, דאָס לויט סטאַטיסטיקס ליידען אידען ניט פון קיין קאַנסער אויף זייערע סעקסועלע אָרגאַנען. און דאָס איז דערפאַר וואָס זיי פּראַקטיצירען מילה.

דער בעריהמטער דר. אב. ל. וואלבארסט * שרייבט צווישן אַנדערעס: „יעדער דאָקטאָר וואָס אַרבייט אין אַ קליניק פון ווענערישע קראַנקהייטען האָט בעמערקט, דאָס זעהר

* Dr. Abr. L. Wolbarst, Circumcision in Infancy, N. Y., 1926.

וועהניג פון די ניט-גע׳מל׳טע פאציענטען גיט די מינדעסטע אויפמערקזאמקייט צו די היגיענע פון זייערע געשלעכטליכע אָרגאַנען; אָפט איז דער שלעכטער ריח פון די סעקרעציאָן, וואָס קלייבט זיך אָן אין דעם הויט-זאַק, אונערטרעגליך. נאָכמעהר, עס איז אַ פאַקט, דאָס אַ געוויסע מאָס פון באלאניטיס * איז פאַראַן ביי אַלע ערוואַקסענע, ניט גע׳מל׳טע מענער״.

„מיין אינטערעסע אין דיזער אנגעלעגענהייט, שרייבט ער ווייטער, האָט זיך אָנגעפאַנגען מיט אַ יאָהר 25 צוריק און האָט געוואַקסען אַלס מעהר און מעהר, זינד איך האָב בע־אָבאַכטעט דעם גרויסען אונטערשיעד פון אינצידענטען פון לאָקאַלע ווענערישע געשווירען און ענטצינדונגס-צושטענדע אין קליניקס פון כמעט אויסשליסליך אידישע פאַציענטען און פון קליניקס וואָס געפינען זיך אין ניט-אידישע ראַיאָנען. ניט נור זיינען געווען די פעלע פון סיפילים און לאָקאַלע וועגערישע געשווירען פיל וועניגער צווישען גע׳מל׳טע, נור עס איז געווען אַ זעהר מערקזאַמע אַבוועזענהייט פון ערענס־טע לאָקאַלע קאָמפּליקאַציעס און אַ פיל גרעסערע ריינליכ־קייט פון געשלעכטליכען אָרגאַן, אַ דאַנק די אַבוועזענהייט פון דער פאַרהויט.

ער ברענגט אַ פאַקט פון אַ פאַל פון קאַנסער, וואָס איז געווען פערבאָרגען אונטער דער פאַרהויט, וועלכען אַ דאָק־טאָר האָט פאַר אַ צייט פון עלף מאָנאַטען געהיילט פון אינוועי־ניג, אַלס אַ געשלעכטליכע קראַנקהייט, ווייל ער האָט דעם קאַנסער ניט געזעהן. ווען דר. וואָלבאַרסט האָט עס בעמערקט איז שוין דער גאַנצער גליד געווען צושטערט פון קאַנסער. אַזאַ פאַל וואָלט געווען אונמעגליך, ווען דער פאַציענט וואָלט געווען גע׳מל׳ט אין קינדהייט (זייטע 7).

„זעהר אָפט, שרייבט ער, אַזעלכע פאַציענטען, ניט וויסענדיג פון זייערע פערבאָרגענע וועגערישע געשווירען, שטעקען אָן דאַמיט זייערע פרויען״ (זייטע 8).

* באלאניטיס אַ מין ענטצינדונג.

ער ציינט אויך אויף, דאָס אידישע מענער זיינען ג ע ־ ש ל ע כ ט ל י ך בעסער ענטוויקעלט, און דאָס האָט פי־לייכט פיל צו טאָן מיט׳ן פאַקט וואָס דאָס אידישע פאָלק בעזיצט מעהר לעבענס־קראַפט און אויסדויער (זייטע 13).

ער ציינט אויף דאָס די אָפּעראַציע (מילה) זעלבסט ביי עוף׳עליך איז זיכער און איינפאַך; קיין אנעסטעזיע (מיטעל צו שטילען ווייטאָג) איז ניט נויטיג און די וואונד פערוואַקסט אין איניגע טעג. דער היינטיגער מוהל וויס אויך די היגיענישע מיטלען, ווי אַזוי צו פערהיטען פון קאָמ־פּליקאַציעס. אין ניו־יאָרק מאַכט אַ מוהל דורך אַ קליינעם עקזאַמען און בעקומט אַ דיפּלאָמאַ. ער זעלבסט, און פילע בעריהמטע דאָקטוירים, וועמען ער ציטירט, זיינען מיט דער מיינונג, דאָס די אידישע „מילה" דאַרף איינגעפיהרט ווערען אַלס חוב פיר מענער פון אַלע אַנדערע נאַציאָנען. (ווער קען דאָס אָבער ליידער אויספיהרען מיט אונזערע יעווסעקעס און מופקרים!) ער בעווייזט דאָס פילע אינטעליגענטע קריסטען זיינען מַל זייערע קינדער.

צום שלום שרייבט ער:

„מילה איז פיליכט דער העכסט בענעפיטירענדער און איינציגער מיטעל, וואָס איז ווען ערפונדען געוואָרען פיר די סאַניטאַרע צוועקען פון מענער".

„דאָס איז די העכסטע אַגענטור פיר ריינליכקייט און היגיענע".

„דאָס איז אַ פערהיטונגס־מיטעל געגען אינפעקציע פון וועגערישע געשווירען מיט זייערע קאָמפּליקאַציעס.

„דאָס מאַכט אונמעגליך די קראַנקהייט „באַלאַניטיס" און פערהינדערט די ענטוויקלונג פון וועגערישע באָראַדאוו־קעס, קאַנסער און אַנדערע וואוקסען.

„דאָס פערמינדערט די טענדענץ פון אנאניזם (זעלבסט־זינדע), קאַנוואולסיעס און אַנדערע ערשיינונג פון לאָקאַלע רייצונג".

„עס מאַכט זעהבאַר די וועגערישע געשווירען און דאַ־דורך מעגליך זייער באַלדיגע היילונג, פערהינדערענדיג די פערשפרייטונג פון אינפעקציע דורך ניט בעמערקטע וואונ־דען".

די זעלבע מיינונג זאָגען אַרויס פילע אַנדערע בעריהמטע דאָקטוירים אין אייראָפּא און אַמעריקא.

## כלאים

דער דין פון כלאים — דאָס פאַרונג פון פערשיעדענע מינים, ווערט בעשטעטיגט דאמיט וואָס מיר ווייסען, דאָס פון אַזאַ פּאָרונג קאָנען קיינע קינדער ניט אַרויסקומען. מאַנכע מינים פון וועמעס פּאָרונג עס קומען יאָ אַרויס נייע מינים, זיינען דיזע נייע מינים קינדערלאָז, צב"ש, דער מויל (מויל־עזעל). און מיר ווייסען קיין אַנדער צוועק אין דער עקזיסטענץ פון דער לעבענדיגער נאַטור ווי די פּאָרטזעצונג פון די מינים, און דאָס איז זיכער איינע פון די אורזאַכען פאַר וואָס די תורה האָט עס פערבאָטען.

דאָס זעלבע איז פּילייכט מיט „כלאי־הכרם", מישונג פון געוויקסע.

## שעטנז

דער דין פון שעטנז איז נאָהנט צו דעם דין פון כלאים. שעטנז, קליידער געוועבט פון וואָל און פלאַקס, איז נאָך דערוויל ניט ערקלעהרט געוואָרען. די וויסענשאַפט האָט נאָך דיזען פונקט ניט בעריהרט. אָבער איך בין זיכער, דאָס די צייט וועט קומען, און נייע ענטדעקונגען וועלען דאָס אויך ערקלעהרען. עבען זאָ וועלען די אַלע אַנדערע געזעצע פון אונזער תורה, וועלכע זיינען נאָך ניט ערקלעהרט געוואָרען, אויפגעקלעהרט ווערען, ווען די וויסענשאַפט פון די נאַטור־געזעצע וועלען מעהר ענטוויקעלט ווערען.

# כשוף

מכשפה לא תחיה (שמות כ״ב).
ואיש או אשה כי יהיה בהם אוב או ידעוני מות יומתו (ויקרא כ׳).
לא ימצא בך מעביר בנו ובתו באש, קוסם קסמים, מעונן ומנחש ומכשף, וחובר חבר ושואל אוב או ידעוני ודורש אל המתים (דברים י״ח).

זינד די וועלט-מלחמה, וועלכע האָט אין פילע הינזיכטען צוריק גערוקט דעם זייגער פון פּראָגרעס צוריק, צו מיטעל־אַלטער, האָבען מענשען זיך ווידער אַ קעהר געטאָהן צו כשוף, וועלכע די רענאָסאַנס-עפּאָכע האָט געוועסט אויסגערייניגט כמעט. מענשען האָבען ווידער אָנגעפאַנגען צו גלויבען אין גייסטער, רוחות, שדים, און מכשפים (מידיאומס בלע״ז).

און נאַטירליך אונזער דור פון פּראָגרעס און וויסענשאַפט טוהט אויך דאָס אויף אַ פּראָגרעסיווען און וויסענשאַפטליכען אופן. גרויסע, וויכטיגע צייטונגען דרוקען אָפט מעשיות וועגען רוחות, גייסטער, פער׳כשוף׳טע הייזער, וועלדער א. ד. ג. גאַנצע טראקטאטען וועגען ספּיריטואַליזם ווערען געדרוקט פיר די לעצטע עטליכע יאָהר. אין די ציוויליזירטעסטע לענדער ווערען געגרינדעט חברות, געזעלשאַפטען כלומר׳שט פיר די פאָרשונג פון דער גייסטער-וועלט. בעריהמטע געלעהרטע ווי אליווער לאדזש און קאנאַן דויל גיעבען זיך אָב דאמיט און זוכען צו פערוואַנדלען עס אין אַ וויסענשאַפט. אויב עס זאָל אַזוי אָנגעהן ווייטער נאָך איניגע יאָהר, קען מעגליכסט קומען דאַצו, דאָס מען זאָל ווידער נעהמען ברענען מכשפות אין די גאַסען פון רוים, לאָנדאָן, א. ז. וו. אויסבריכע פון פעבעל-לינטשערייען געגען אַזעלכע אונגליקליכע האָט שוין פיר די לעצטע עטליכע יאָהר פּאַסירט אין פערשידענע לענדער, אפילו אין אונזער פרייער אַמעריקע.

און אַט איז געקומען יעצט סער קאנאן דאיל׳ס גרעסטער און בעסטער מידיאום, מר. פרעדעריק טאַנסלי מונינגס, אין ענגלאַנד, און פערעפענטליכט זיין ווידוי, אַז די גאַנצע ספּיריטואַליסטישע לעהרע איז אַ פערפיהרענים און פאַלש, אַז ער בעזיצט ניט קיין בעזונדערע קראַפט צו ארויסרופען טויטע, אַז ער האָט קיין מאָל קיין גייסט ניט געזעהן און ניט געהערט, אַז די אַלע מעשיות מיט די מידיאומס און „ספּיריטס“ אויף די בעוואוסטע סעאנסען, זיינען בלויז „טריקס“, קונצען און שווינדעל. ער קלעהרט אויף און צייגט ווי אַזוי די אַלע טריקס ווערען געמאַכט, ווי אַזוי מען רופט אַרויס טויטע און ווי אַזוי מען „מאַטעריאַליזירט“ און מען פאָטאָגראַפירט גייסטער און ווי אַזוי מען נאַרט אָב אפילו גרויסע געלעהרטע וואָס ווילען גלויבען אין דעם *.

און פאַר איהם זיינען געוועזן פילע אַנדערע, ווי דער בעריהמטעסטער מכשף הודיני (וועלכער איז געוועזן אַ איד) און אַנדערע, וועלכע האָבען שוין לאַנג ערקלעהרט די פאַלשפון ספּיריטואַליזם און כשוף.

ניט איין מענש איז אומגעקומען, ניט איין פאַמיליע איז דערפון פעראומגליקט געוואָרען. גאַנצע לענדער האָבען דאַדורך געליטען. לעזט די געשיכטעס וועגען כשוף און מכשפים. די גרעסטע שווינדלערייען, פערברעכענס און העסליכסטע אונמאָראַליטעט איז דערמיט פערבונדען. די געשיכטע פון רוסישען צאַר מיט׳ן מכשף ראַספּוטין איז די בעסטע אילוסטראַציע דאַפיר.

עס איז מערקווירדיג, דאָס די פילע ווידערהאָלטע פערבאָטע וועגען כשוף אין אונזער תורה קומען אימער אין פערבינדונג מיט די פערבאָטע וועגען געצענדיענסט און זנות. און ווירקליך, זיי געהען צוזאַמען. כשוף זעלבסט, אָדער זעלבסט דער גלויבען אין גייסטער איז אַ מין געצענדיענסט.

* "Astonishing Confession of a Bogus Medium." N. Y. Sunday American, July 22 and 29, 1928.

ניט אומזיסט האָט די תורה פערשריבען טויט-שטראָף פיר כשוף.

אידען, גלויבט ניט אין דעם און לאָזט זיך ניט פערפיהרען פון דיזע דומהייטען, ווי ספּירטואַליזם", „קריסטיען סייענס" א. ד. ג.

און זאָלען אויף אונז מקוים ווערען די ווערטער פון דעם נביא: „כי הנה החשך יכסה ארץ וערפל לאומים, ועליך יזרח ד׳ וכבודו עליך יראה (ישעי׳ ס׳).

ווען די פינסטערנעס וועט פערדעקען די ערד און דיקער נעבעל די נאַציאָנען, דאַן וועט גאָט אויף דיר שיינען, און זיין עהרע וועט אויף דיר ערשיינען.

## דער אונטערגאַנג פון נאַציאָנען

פיר אונזערע אויגען האַלט אַ גרויסע, ציוויליזירטע נאַציאָן אין דעם פּראָצעס פון אונטערגאַנג פון זיך זעלבסט, דאָס איז פראַנקרייך.

לויט א סטאַטיסטישען בעריכט * פון דער פראַנצויזישער רעגירונג אין יאָהר 1922 ערפאהרען מיר פאָלגענדעס:

מיט אַ יאָהר צעהן בעפאָר די וועלט-מלחמה איז דאָס פראַנצויזישע פאָלק געבליבען שטעהן אויף דער צאָהל פון אַכט און דרייסיג און אַ האַלב מיליאָן מענשען.

אין יאָהר 1865, אין דער צייט פון דער פראַנצויזיש-דייטשישער מלחמה איז די בעפעלקערונג פון יעדע פון דיביידע לענדער געווען צו 25 מיליאָן מענשען בערך. אין 1913 האָט פראַנקרייך פארמאָגט אַכט און דרייסיג און אַ האַלב מיליאָן מענשען און דייטשלאנד ביי 65 מיליאָן.

אין 1925 האָט די פראַנצויזישע רעגירונג פערעפענטליכט סטאַטיסטישע ידיעות, וועלכע צייגען, דאָס די בעפעל-

* זעה „אַ פאָלק געהט אונטער", פון ג. הערמאַן, אין „מאָרגען זשורנאַל". אָקטאָבער 1922.

קערונג ווערט סיסטעמאטיש פערקלענערט מיט צוויי הונ־דערט טויזענט נפשות יעהרליך, וועהרענד דייטשלאנד קומט צו 200,000 נפשות א יאהר. און וואס ווייטער אלס מעהר.

אין 1865 איז אין פראנקרייך געווען אויף יעדע הונ־דערט פאמיליעס 333 קינדער. מעהר אלס דריי קינדער אויף יעדע פאר פאלק דורכשניטליך. אין 1913 — 248 קינדער אויף יעדע הונדערט פאמיליעס. מעהר אלס צוויי קינדער אוף א פאמיליע. אין 1920 בלויז 166 קינדער אויף הונדערט פאמיליעס. דאס הייסט, דאס פארקלענערונג פון קינדער־געבורטה פראגרעסירט פון יאהר צו יאהר. עבענזא פרא־גרעסירט דארט דאס שטערבליכקייט צווישען קינדער, וועלכע איז דארט זעהר גרויס. וואס זיינען די אורזאכען?

די אורזאכען זיינען קיינע עקאנאמישע, ווייל עקאנא־מיש שטעהט פראנקרייך פיל העכער פון פילע לענדער אין איראפא. אויך קיינע קולטורעלע, ווארום אויך אין דיזען הינזיכט שטעהט זי ניט נידריגער פון אנדערע.

די איינציגע און אמת׳ע אורזאכע איז די מאראלע דע־מאראליזאציע. פראנקרייך איז דאס אויסגעלאסענסטע פאלק אין געשלעכטליכען זינן.

די פראנצויזען האלטען ניט פון „לא תנאף“, גלויבען ניט אין גאט, האלטען שטארק פון לוסטיגען, אויסגעלאסע־נעם לעבען. ווילען ניט טראגען דעם יאך פון פאמיליע, פון ערציהען קינדער. דער פראנצויז בעקומט זיין געשלעכט־ליכע צופרידענשטעלונג אויסער דער פאמיליע צו יעדער צייט. די פריי־לעבענדע פרוי איז דארט קיין שאנדע. די געזעלשאפט שפייט איהר ניט אויס. זי ווערט אויפגענומען אין סאלאן גלייך מיט דער רעספעקטאבעלער פרוי. אזוי דאס זי נויטיגט זיך ניט אין פאמיליען־לעבען. זאגאר די פערהייראטע פרוי ווערט ניט בלאמירט פיר האבען זייטיגע געליעבטע. די צאהל פון אונגעזעצליכע קינדער וואס לעבען אין אינסטיטוציעס אהן די

פפלעגע פון מוטערס איז זעהר גרויס, און אַזוי גרויס איז די שטערבליכקייט צווישען דיזע קינדער. דאָס בלוט פון די עלטערען איז ניט ריין פון ווענערישע קראַנקהייטען פון פילע דורות, און דאָס ווירקט שטאַרק אויף דאָס שטערבליכקייט פון די קינדער. און דיזען טויט-גייסט פערשפרייט זי אויף דער גאַנצער וועלט. זי איז די טאָן-געבערין אין דער מאָדע-וועלט, זי איז די וועלט-לעהרערין אין אַלעס וואָס בעלאַנגט געשלעכטליכע פערהעלטניסע. זי בענוצט זיך מיט אַסימי-לאַציע פון פעלקער, שטאַמען און ראסען אום צו פערניכטען זייער ווידערשטאַנד צו איהר הערשונג. אָט דיזער גייסט איהרער איז גיפט פיר דער גאַנצער מענשהייט, פונקט ווי עס זיינען געווען די זיבען פעלקער פון כנען, וועלכע דער גאָט פון הייליגקייט האָט געהייסען פערניכטען (דברים כ׳ י״ז), איהר גייסט איז פונקט דער הפך, דער געגענזאַץ פון דער אידישער תורה. זי איז די נאכפאָלגערין פון די אַלטע הע-לענער און רוימער, וועלכע זיינען אומגעקומען פון זייער אייגענעם אויסגעלאַסענם לבענס-ארט. און זי געהט אונטער.

ניט מלחמה, ניט הונגער, ניט אַרמוטה ברענגט אונטער דער פראַנצויזישער נאַציאָן; ניט אין דייטשלאַנד אָדער וועלכע עס איז אַנדערע נאַציאָן ליעגט איהר סכנה. ניין! פראַנקרייך ווערט דערטרונקען אין איהר אייגענעם שמוץ. איהר פאַלשע, זינדיגע קולטור, איהר אייגענער גייסט איז איהר מלאך המות! קיין זאַך וועט איהר ניט העלפען, סיי-דען זי וועט ענדערען איהר גייסטיגען אידעען-גאַנג און איהר לעבענס-ארט, סיידען זי וועט אויסרייניגען דעם אונמאָראַ-לישען שמוץ פון איהר נשמה און פון איהר לעבען.

און דאָס זעלבע איז מיט אַלע פעלקער וואָס געהען אין איהרע וועגען. עס קומען פיעלע בעריכטען פון די פרימי-טיווע פעלקער; די מאנגאלען, קירגיזען און אַנדערע, וואָס דעגענערירען פון ווענערישע קראַנקהייטען, וואָס פרעסען זיי אויף זייט פילע דורות.

פראַנקרייך׳ס אונטערגאַנג בעשטעטיגט דעם „לא תנאף“ פון די „עשרת הדברות“.

דער געטליכער „לא תנאף“ שטימט מיט׳ן נאַטירליכען. און דער נאַטירליכער בעשטראַפט פיר דעם איבערטרעטען דעם געטליכען.

* * *

די אַנדערע „לא תעשה׳ס“ פון די עשרת הדברות, דאַרפען קיינע ערקלעהרונגען און קיינע בעשטעטיגונגען. זיי זיינען גענוג קלאָהר, דייטליך, נאַטירליך און פערשטענדליך אפילו פיר דעם פרימיטיווען מענשען, טראָץ דעם וואָס זאָגאַר מאַנכע העכסט געבילדעטע און הויך-געשטעלטע מענשען האַלטען זיי וועניג.

## פערברעכען און משוגעת. תורה אַלס רפואה

די „עשרת הדברות“ און די אַלע אַנדערע געבאָטע פון אונזער תורה זיינען די איינציגע רעטונג פון אונזער דור. דאָס איז די מיינונג פון פילע בעריהמטע געלעהרטע.

דער געלעהרטער דר. דעסלאָדזשעס, * דער דירעקטער פון אַנשטאַלטען פיר גייסטיג קראַנקע אין סטייט (שטאַט, פראָווינץ) קוויבעק, קאַנאַדא, שרייבט:

„דער פראָצענט פון גייסטיג-קראַנקע צווישען די ציוויליזירטע פעלקער האַלט אין פערגרעסערען זיך אויף אַ שרעקליכען אופן. די אויסזיכטען פיר דעם גייסטיגען צושטאַנד פון דער מענשהייט אין דער צוקונפט זענען זעהר טרויעריגע. די מענשהייט האַלט פשוט ביים פערלירען איהר פערשטאַנד. איהר קענט עס מערקען צווישען אַלע קלאַסען פון דער מענשליכער געזעלשאַפט און אומעדום, וואו גרופּעס פון פערזאָנען קומען זיך צונויף און מען קען זיי בעאָבאַכטען קאָלעקטיוו.

* Dr. A. H. Desloges, N. Y. Sunday Times, 1924.

„די סימפּטאָמען ווי זיי דריקען זיך אוים ביי די היינטי־גע מענשען מערקען זיך בעזאָנדערס אין די אנגעשטרענגט־קייט, מיט וועלכער מען טהוט היינט אַרבייט. די היינטיגע מענשען אַרבייטען מיט אַ מין ווילדען ענטהוזיאַזם. און אויך זייערע שפּילערייען און פערוויילונגען ווערען געטאָהן מיט אַזוי פיל ענערגיע, פּונקט ווי דער שיקזאַל פון דער גאַנצער מענשהייט וואָלט געווען אָבהענגיג פון זייערע קליינע אָדער גרויסע פערוויילונגען. היינטיגע מענשען קאָנצענטרירען זייער גאַנצע ענערגיע אויף קלייניגקייטען וואָס זיינען גאָר ניט אין פּראָפּאָרציאָן מיט די מיהע וואָס די זאַך פערדיענט אין דער ווירקליכקייט.

„דאָס פאַלען פון מאָראַל, פון עהרליכקייט און געוויסענ־האַפטקייט ביי אַ גרויסע צאָהל מענשען איז אויך אַ סימן פון משוגעת. (דער תלמוד דריקט אוים דעם זעלבען געדאַנק אויף זיין לאַקאָנישען שטייגער: „אין אדם עובר עברה אלא אם כן נכנסה בו רוח שטות“ (סוטה ג׳) — אַ מענש זינדיגט ניט סיידען עס איז איהם בעפאַלען אַ גייסט פון נאַרישקייט, וואַהנזין).

„די איינציגע רעטונג פיר דער וועלט, זאָגט דער זעל־בער דאָקטאָר, זיינען די עשרת הדברות. ווען מענשען זאָלען אָבהיטען די קאַרדינאַלע געזעצע פון מאָראַל, ווי זיי זיינען געפּרעדיגט אין תורת משה און אָוועק־געשטעלט אויף דעם פונדאַמענט פון די עשרת הדברות, וואָלט די מענשהייט געווען געזינטער סײַ אין קערפּער סײַ אין גייסט. וואָרום רעליגיאָן האַלט אַ שטרענגע קאָנטראָלע איבערן מענשליכען לעבען, רעגולירט זיינע געוואָהנהייטען און צוימט זיינע ליידענשאַפטען וואָס רואינירען דאָס געזונד. דער רעליגיעזער מענש איז רוהיגער געזינטער און איז פער־היט פון דעם מאַרך־שטורעם, וואָס דאָס אויסגעלאַסענע לעבען פון דעם ציוויליזירטען לעבענס־אַרט פעראורזאַכט.

אַלזאָ פּסיכאָלאָגיע און פּסיכיאַטריע בעשטעטיגען די עשרת הדברות און אונזער תורה פון אַן אַנדער זייט.

# די געזעצע פון דער תורה זיינען עדות אויף איהר געטליכקייט

מיר האָבען אין דער תורה צווישען די פערבאָטענע חיות איין חיה מיט׳ן נאָמען „שסועה“ (צושפאלטענע). דער תלמוד דערקלעהרט, אז דאָס איז אַ מין חיה וואָס האָט אַ דאָבעלטען רוקען. אַזאַ מין חיה האָט זיך אין דער אַלטער וועלט ניט געפונען. דער תלמוד, געבענדיג דיזע ערקלעה־רונג, פרעגט טאַקי גלייך: פון וואַנען האָט משה אַלס מענש, ניט אַלס געטליכער נביא, געקענט וויסען פון איהר? און ער פיהרט אוים, אַז דערפון איז אַ ראיה (בעוויז), אַז תורה איז מן השמים (ספרי ראה). דאָס מיינט, אַז ניט אין זייער צייט און ניט אין משה׳ס צייט האָט דיזע חיה געלעבט אין דער אַלטער וועלט. דיזע חיה איז געפונען געוואָרען אין זיד אַמעריקא, נאָך דעם ווי אַמעריקא איז ענטדעקט געוואָרען. דאָס איז אַ סאָרט טאַפיר מיט׳ן נאָמען „טאיאסו“, פון דער חזרים־פאַמיליע, וועלכע האָט צושפאלטענע קלאָען, פיער מאָגענס, אַזוי ווי די חיות וואָס זיינען מעלה־גרה, אויבערשטע ציינער, אַזוי ווי יענע חיות וואָס זיינען ניט מעלה־גרה. (זעה מלבי״ם שמיני און ראה).

עס פרעגט זיך די פראַגע: ווען מיר זאָלען בעטראַכטען די תורה אַלס נאַטירליכע מענשליכע שאַפונג, פון וואַנען האָט די תורה אָדער איהר פערפאַסער, אָדער פערפאַסערס, לויט די ביבעל־קריטיקער, געקענט וויסען פון אַ מין חיה, וואָס איז געפונען געוואָרען אין אַ לאַנד, וועלכע איז ענט־דעקט געוואָרען טויזענדער יאָהרען שפּעטער? פון וואַנען האָט משה אָדער אַנדערע פון זיין צייט אָדער שפּעטער, נאָך איהם געקענט וויסען, אַז אויסער די חיות, וועלכע ער רע־כענט אוים אין דער תורה מיט די אָנגעגעבענע סימנים און נעמען, זיינען קיין אַנדערע ניטאָ? פון וואַנען האָט אַ מענש פון יענע צייטען געקענט בעזיצען אַזוי פיל וויסענ־שאַפט, אַזוי פיל סודות פון דער נאַטור, פון וועלכע בלויז אַ

טהייל איז ענטדעקט געוואָרען אין דער לעצטער צייט, מיט דער הילף פון נײ־ערפונדענע אינסטרומענטען, וועלכע זיי, די פאָרצייטיגע מענשען, האָבען ניט געהאַט? די מיינונג פון די ביבעל־קריטיקער, אַז די תורה איז געשריבען אָדער פערענדיקט געוואָרען אין עזרא׳ס צייטען, האַלט ניט אויס די מינדעסטע קריטיק. ווארום אפילו דאַן איז נאָך קיין מיקראָסקאָפּ אָדער די לעהרע וועגען מיקרא־אָרגאַניזמען אויף דער וועלט ניט געווען, און פון אַמעריקא האָט נאָך אויך קיינער קיין אהנונג ניט געהאַט. מיר קאָנען גאָר ניט פאָרשטעלען זיך אַזאַ מענשען, אַ „בשר ודם" וואָס זאָל אַזוי פיל וויסען אפילו אין יעצטיגער צייט.

די מיינונג, דאָס די פערפאַסערס פון דער תורה האָבען בעמערקט די שעדליכקייט פון געוויסע זאַכען פיר׳ן מענשען, ווי צב"ש חזיר־פלייש, און האָבען עס אַריינגעשריבען אין דער תורה, האַלט ניט אויס קיין קריטיק. ווייל ערסטענס, ווי געזאָגט, אַ מענש ווי גרוים ער זאָל ניט זיין, קען ניט וויסען אַלעס און עס איז אונמעגליך. אַז זיינע בעהויפּטונגען זאָלען שטימען מיט די רעזולטאַטען פון די וויסענשאַפטליכע פאָרשונגען פון דריי טויזענד יאָהר שפּעטער. צווייטענס, אויב בלויז דאָס שעדליכקייט צום געזונד איז געווען זייער וועגווייזער, ווארום האָבען זיי ניט אַריינגעשטעלט אין דער תורה אַ פערבאָט וועגען די פערשיעדענע גיפטען פון פלאַנצונגען און מינעראַלען, די שעדליכקייט פון וועלכע זיי האָבען געווים בעמערקט און געוואוסט אויך אין יענע צייטען? ווארום פערבאָטען ניט די היינטיגע רעליגיאָנען, די וויסענשאַפטס־לייטע אָדער רעגיערונגען, די שפּייזען, די שעדליכקייט פון וועלכע עס איז שוין וויסענשאַפטליך פעסט געשטעלט געוואָרען. דריטענס, זיי האָבען געקענט בעמערקען די שעדליכקייט פון די געוועהנליכע הויז־חיות, ווי חזיר א. ד. ג. ווי אַזוי האָבען זיי אָבער געקענט בעמערקען די שעדליכקייט פון די טויזענדער מינים חיות, פויגלען און שרצים, וועלכע מענשען קאָנען בענוצען אַלס שפּייז גאַנץ

זעלטענע און די שעדליכע ווירקונג פון וועלכע עס ציינגט זיך אַרויס ניט באַלד און ניט אין אַלע פעלע? פיערטענס, מיט וואָס קען מען ערקלעהרען דעם פאַקט, וואָס די כ ל ל י ם וועלכע די תורה גיט וועגען די אַלע כשר׳ע און טרפה בעשעפעניסען, זאָל געענוי אויסהאַלטען אין אַלע פונקטען ביז צו דער לעצטער צייט? צב״ש: אין ראה, דברים, רעכענט די תורה צעהן מינים חיות, וואָס האָבען ביידע סימנים: צוּשפּאַלטענע קלאַען און מעלה-גרה, דריי מינים וואָס זיינען בלויז מעלה-גרה און איין מין וואָס האָט בלויז צושפּאַלטענע קלאָען. און ביז היינט האָט מען אין דער גאַנצער וועלט ניט אויסגעפונען קיין איין מין מיט דיזע סימנים וואָס זאָל ניט בעלאַנגען צו דיזע אויסגערעכענטע מינים חיות. עס איז ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט אַ חיה מיט גאַנצע קלאָען, וואָס איז מעלה-גרה, אויסער די דריי מינים; און עס איז ניטאָ קיין חיה וואָס האָט צושפּאַלטענע קלאָען אויף אַלע פיער פיס (אַ חיה מיט דריי (צושפּאַלטענע קלאַען אויף די הינטערשטע פיס אַליין וואָס איז אויך מעלה גרה, געפינט זיך אין די פעלזען אויפ׳ן האַלב אינזעל סיני, אַ מין קראליק מיט׳ן נאָמען וואָוער. אויף זיינע פאָדערסטע פיס האָט ער קיינע קלאָען. (זעה מלבי״ם שמיני ע״ג). וואָס איז ניט מעלה-גרה, אויסער דער פאַמיליע „חזיר". און עס איז ניטאָ אַ מין חיה, וואָס האָט ניט קיינע אויבערשטע צייהן (דער סימן וואָס דער תלמוד גיט אָן), וואָס זאָל צו דער זעלבער צייט ניט בעזיצען די אַנדערע צוויי כשר׳ע סימנים.

דאָס אַלעס מוז אונז מאַכען גלויבען, דאָס די תורה, וועלכע איז אונז געגעבען געוואָרען מיט דריי און אַ פיערטעלטויזענד יאָהר צוריק, אין אַ צייט, ווען די מאָדערנע וויסענשאַפט איז נאָך אפילו אין די ווינדעליך ניט געלעגען, אין דער צייט ווען מענשען האָבען זיך געפיהרט ניט פיל בעסער פון חיות, ווען זאָגאַר די קולטור-פעלקער זיינען זיטליך און גייסטיג אויך געשטאַנען ניט פיל העכער פון די היינטיגע האָטענאטען, און האָט זיך דאָך געקענט אויפהויבען אַזוי פיל

העכער איבער אומשטענדען, בעדינגונגען, מענש און צייט, איז געטליך. דאָס ציינט, דאָס די תורה איז אונז געגעבען געוואָרען פון דעם איינציגען און אמת'ן גאָט, און משה האָט זי בלויז געשריבען.

דעריבער איז די תורה אמת.

די יעניגע וועלכע ווילען אויפווייזען, דאָס די וויסענשאַפט לייקענט אָב די תורה, אָדער געוויסע שטעלען אין דער תורה, וויסען ניט וואָס זיי ריידען. די פּאָזיטיווע, עקספּערימענטאַלע נאַטור-וויסענשאַפטען, לייקענען אין קיין פאַל ניט אָב קיין איינציגען געזעץ פון דער תורה, אין געגענטייל, זיי בעשטעטיגען איהר, ווייל די געזעצע פון דער תורה זיינען נאַטירליך און די נאַטור געזעצע שטימען מיט איהרע. דאָרט וואו עס דוכט זיך דאָס די וויסענשאַפט אָדער די נאַטור-געזעצע שטימען ניט אָדער ווידערשפּרעכען די געזעצע פון דער תורה, איז מעהר אַלס זיכער, דאָס די וויסענשאַפטס-לייטע מאַכען אַ טעות. און פריהער אָדער שפּעטער וועט זיך אַרויסווייזען דער אמת פון דער תורה.

די ספּעקולאַטיווע וויסענשאַפטען, ווי פילאָסאָפיע א. ד. ג., קען געוויס זיך ניט פערמעסטען מיט דער תורה, ווייל זי, די פילאָסאָפיע, איז געבויט אויף היפּאָטעזען, השערות א. ז. וו. איהרע וויסענשאַפטסלייטע זיינען אָפט סותר איינער דעם צווייטען און זיך זעלבסט.

די פּאָזיטיווע, עקספּערימענטאַלע וויסענשאַפטען, די נאַטור-וויסענשאַפטען, בעשטעטיגען וואָס ווייטער אַלס מעהר די געזעצע פון אונזער תורה.

## די פּסיכאָלאָגישע און עדות-געזעצע

אויסער די דירעקטע, נאַטירליכע געזעצע, געפינען זיך אין אונזער תורה אַ צאָהל געזעצע, וועלכע איך וואָלט אָנרופען פּסיכאָלאָגישע, ווייל מען קען אין זיי פון

אויבען אויף ניט לייכט איינזעהען דעם צוזאמענהאנג מיט די געזעצע פון דער פהיזישער נאטור, נור מיט די געזעצע פון מענשליכען גייסט, פון דער נשמה, וועלכע, אייגענטליך, מיינט אויך נאטור. די נאטור פון מענש, ווי צב״ש: מזוזה, ציצית, תפלה, ברכות, בכורים, קרבנות, א. ד. ג. אבער וועגען דעם וועלען מיר רעדען אביסעל ווייטער. דערווייל וועלען מיר זיך אבשטעלען אויף אן אנדער העכסטוויכטיגער פראגע: אויב דער מענש, דער אלגעמיינער מענש, קען זיך זעלבסט האלטען אויף דער נויטיגער מענשליכער הויך אהן תורה, נור בלויז מיט זיין אייגענעם געוויסען.

## תורה און געוויסען

עס שטעלט זיך די פראגע: לויט ווי מיר זיינען געקומען צום בעשלוס, דאס די געזעצע פון דער תורה זיינען נאטירליך, צו וואס דארפען מיר אין גאנצען האבען די תורה אין נאמען פון גאט? די נאטורס געזעצע זיינען דאך אונז יעצט שוין גוט בעקאנט און מיר קאנען זיי היטען אלס מענשען, אלס א זאך וואס מיר פערשטעהען מיט אונזער שכל, מיט אונזער געוויסען? און צו וואס דארף מען האבען די יעניגע געזעצע, וועלכע האבען מיט דער פהיזישער נאטור גאר ניט צו טאהן און וועלכע זעהען אויס בלויז אלס צערעמאניעס אדער סימבאלען? צו וואס די מצוות המעשיות? צו וואס רעליגיאן? דיזע פראגען זיינען געשטעלט געווארען אין אלע צייטען און אין אלע דורות. דיזע פראגען זיינען געשטעלט געווארען אין דער תורה זעלבסט און זיינען פון דער תורה זעלבסט טאקע פערענטפערט געווארען.

אין זיבענצעהנטען יאהר-הונדערט אין דער צייט פון דער רענעסאנס עפאכע, האבען א געוויסע צאהל גרויסע, וועלט-בעריהמטע מענשען מיט הומבאלד אן דער שפיץ, אנגעפאנגען צו פרעדיגען א רעליגיאן פון געוויסען. דאס האט געמיינט: מען דארף ניט האבען קיינע רעליגיאנען, קיין

גלויבען, קיין גאָט; דער געוויסען אַליין איז גענוג צו האַל־טען דעם מענשען אין צוים פון עהרליכקייט און מאָראַל.

דיזע רעליגיאָן האָט אפילו ניט דערלעבט צו ענטוויקלען זיך צו אַ סאָלידען אָנפאַנג פון אַ רעליגיאָן. זי איז געווען טויט ביי איהר געבורט און איז אפילו ניט אַרויסגעגאַנגען פון דעם קרייז פון איהרע פרעדיגער. נור בלויז מאַנכע געווי־סענסלאָזע אָדער זעלבסטנארער פלאַפּלען נאָך היינט, דאָס פיר זיי איז גענוג זייער געוויסען...

וואַרום איז עס אַזוי געשעהן? ווייל,

וואָס איז אייגענטליך געוויסען?

געוויסען איז די צוזאַמענשטעלונג פון אַלערליי געדאַנ־קען, אידעען, און פון די אונצעהליגע פערשיעדענאַרטיגסטע געפיהלען, וועלכע לעבען אין דעם מענשען.

אין דעם מענשען לעבען אונצעהליגע, געגענגעזעטצע גע־פיהלען, גוטע און שלעכטע, מעהר שלעכטע. וואַרום זאָגאַר די איבערפלעכליך־אונשולדיגע און נויטיגע פיר זעלבסט־ער־האַלטונג עגאָאיסטישע געפיהלען, זיינען אָפט שלעכט פון געזעלשאַפטליכען, פּאַטריאָטישען, אַלמענשליכען און מאָ־ראַלישען שטאַנדפונקטען.

די שלעכטע געפיהלען איז לייכט צו ערפילען. די גוטע געפיהלען פאָדערען אָפט געוואַלדיגע אנשטרענגונג, זעלבסט קאָנטראָל און גרויס פערשטאַנד אום צו ערפילען זיי.

די גרעסטע גבורה איז צו בעהערשען זיך זעלבסט.

עס איז לייכטער צו בענוצען זיך מיט יענעמס געלד, צייט, אַרבייט איידער געבען עס פיר דעם צווייטען. עס איז לייכטער נאָכצוגעבען די ליידענשאַפטען איידער צו בעזיגען זיי. עס איז בעקוועמער צו לעבען אַ פריי, פליכטלאָזען לעבען איידער צו טראָגען פפליכטען. עס איז גרינגער צו לעבען אַלס בהמה איידער אַלס „מענש“....

די גוטע מיט די שלעכטע געפיהלען זיינען אין דעם — ניט אין אַלע — מענשען אין אייביגען קאַמפף. און זעהר

אָפט פאַלט דער מענש אַלס קרבן צו די זיעגענדע שלעכטע געפיהלען.

אום צו קאָנטראָלירען די געפיהלען, די ליידענשאַפטען, איז דעם מענשען געגעבען געוואָרען דער שכל, דער פערשטאַנד. דאָס איז די הימלישע ליכט אין דעם מענשענס נשמה.

אָבער ווי אָפט איז דיזע ליכט אַן אירען — שיין! ווי אָפט איז דער שכל משועבד צו די געפיהלען! ווי אָפט פערפיהרט דער שכל דעם מענשען אין אַזעלכע זומפּען, וואו ער פערזינקט אויף אייביג!

בעטראַכט די בלאָנדזענעם פון דער מענשהייט אין אַלע צייטען און דורות. בעטראַכט די מעשים פון פילע פון די גרעסטע קליגסטע און געבילדעטסטע מענשען. בעטראַכט די געטצענדיענסט מיט די ה י י ל י ג ע, „מאָראַלישע“, פריסטער און פריסטערינס אין די טעמפּלען, וועלכע האָבען פערשפּרייט די העסליכסטע קראַנקהייטען אין דעם נאָמען פון גאָטהייט און הייליגקייט.

גיט אַ קוק אויף די אייביגע האַלסייל שלאַכטונגען, וועלכע ווערען געפיהרט מיט אַזוי פיל שכל, חכמה און וויסענשאַפט, אָפט מיט דער הילף פון די קליגסטע און וויסענשאַפטליכסטע מענער.

זעהט די אייביגע פערשקלאַפונג פון מענשען דורך מענשען.

דער גרויסער אריסטאטעל האָט רעכטפערטיגט שקלאַפעריי.

דער גרויסער פלאַטאָן האָט פערנאַבעלט הייראַט פון מענער.

די געלעהרטע פון דייטשלאַנד האָבען געשאַפען טהעאָריעס פון אויסמאָרדונג אַנדערע ראַסען.

אין אונזערע צייטען, אין הארץ פון ציוויליזאַציאָן, אין די גרויסע שטעדט פון אַמעריקע און אייראָפּא, הערען מיר פון צייט צו צייט וועגען דעם, ווי ציוויליזירטע מענשען

אָרגאַניזירען זיך אין סעקטעס צו דיענען צו דער זון, צו פייער, צום טייפעל און אַנדערע נאַרישקייטען, מיט מאַרטי־רערשאַפט און זאָגאַר מענשליכע קרבנות. דאָס זיינען „מעשים בכל יום" אפילו אין דער ציוויליזירטער אַמעריקע.

און מענשען מיט הויכער בילדונג ווערען ביי אונז גע־משפּט פיר מאָרד און אַלערליי העסליכקייטען.

עס זיינען אַלזאָ פאַראַן אַלערליי שכל'ען און דער שכל איז נאָך וואהרשיינליך ניט דער זיכערסטער מיטעל וואָס שאַפט און האַלט דעם מענשענס געוויסען.

וואָס דען אַנדערש איז דער מיטעל, די ריכטיגע שטיצע פיר'ן געוויסען?

דאָס, דערצעהלט אונז, די תורה, האָט דאָס אידישע פאָלק געפרעגט משה רבנו ביים באַרג סיני און ער האָט זיי געגעבען דעם ריכטיגען ענטפער.

ווען די אידען האָבען דערזעהן דעם שרעקליכען פייער, די ערד ציטערנים מיט די דונערען און בליצען אופ'ן באַרג סיני, האָבען זיי געזאָגט צו משה'ן: „רעד דו מיט אונז און מיר ווילען פערשטעהן". די תורה איז דאָך מענשליך, נאַטירליך, מיר קאָנען עס פערשטעהן מיט אונזער שכל. מיר קאָנען לערנען די געבאָט פון גזלה פון דער ענט (מור־ראשקע), צניעות — פון דער קאַץ, א. ז. וו. זאָל גאָט ניט רעדען מיט אונז אום מיר זאָלען ניט שטאַרבען". ווען מיר נעהמען אָן די זעלבע געזעצע אין נאָמען פון גאָט, מוזען מיר דאָך שטאַרבען, ווי נור מיר טרעטען זיי איבער.

און משה ענטפערט זיי: „דאָס איז אַלס אום עס זאָל זיין אויף אייך די מורא פון גאָט, אום איהר זאָלט ניט זינדיגען".

י ר א ת ש מ י ם, די מורא און רעספּעקט פאַר גאָט איז די איינציגע שטיצע פיר'ן געוויסען, אום דער מענש זאָל ניט זינדיגען.

אברהם אבינו, ווען ער איז געקומען אין לאַנד מצרים און נאכהער אין גרר, פלישתים לאַנד, איז ער געווען גע

צוואונגען צו פערלייקענען, אַז שרה איז געווען זיין ווייב, אום מען זאָל איהם ניט הרג'ענען און צונעהמען שרה'ן, ווייל מען האָט דאַרט ניט געפירכ־טעט גאָט. דאָס זעלבע האָט געשעהן מיט יצחק'ן.

דער רמב"ם (מורה נבוכים) זאָגט, דאָס זינד אדם האָט געגעסען פון „עץ־הדעת" האָט ער ערוואָרבען די אייגענ־שאַפט צו וויסען וואָס גוט און וואָס שלעכט איז, וואָס שעהן און וואָס מאוס איז. ער האָט אָבער פערלאָרען דעם אינס־טינקט פון אמת. ער האָט פערלאָרען דעם אמת'ן גאָט. ער האָט פערלאָרען דעם געוויסען.

און דיזען אמת, דעם אמת'ן גאָט, און דעם אמת'ן בע־גריף פון אמת גוט און אמת שלעכט, אמת שעהן און אמת מאוס, געפינען מיר בלויז אין דער תורה.

דאָס וואָס אין סדום איז געווען רעכט און וואָס אין מצרים איז געווען שעהן און מאָראַליש, איז אין דער תורה געבראַנדמאַרקט אַלס שלעכט און אַבשייליך, תועבה. און די נאַטור בעשטעטיגט דאָס. און די גאַנצע אמת־ציוויליזירטע וועלט האַלט מיט דער תורה.

בלויז אין נאָמען פון גאָט און תורה, ווען עס איז דאָ יראת־שמים, קאָנען דיזע אמת'ן געהיט ווערען.

## תורה און זעלבסט קאָנטראָל

און ווירקליך, דער לונגען־קראַנקער, ווענען דער דאָק־טאָר האָט פערבאָטען צו רויכען, אָדער אפילו דער קראַנקער דאָקטאָר זעלבסט, וואָס וויים, דאָס רויכען שאַדעט איהם, קאָנטראָלירט זיך דאָך ניט און רויכערט. וועהרענד דער פשוט'ער איד, וואָס האָט אַ ביסעל „יראת־שמים", רויכערט די גאַנצע וואָך און ווי עס קומט פרייטאג פאַרנאַכט, לעגט ער אַוועק די גאַנצער קליפער־געצייג: זיינע סיגאַרען מיט זיין פייפ און ריהרט עס ניט אָן ביז שבת נאַכט.

דער פּראָפעסאָר וועלכער האָט ענטדעקט די פיבער־באַצילען אין אויסטערס און האָט אָנגעשריבען וועגען דעם גאַנצע ביכער, איז מיט אַ יאָהר צוואַנציג צוריק, לויט בע־ריכטען אין די צייטונגען פון יענער צייט, געשטאָרבען טאַקי פון אויסטערס. (איך האָב ניט געהאַט דאָס מעגליכקייט צו אונטערזוכען דיזען בעריכט). און דער פרומער איד וועט פאַר מיליאָנען קיין אויסטערס אין מויל ניט נעהמען.

מיינער אַ פריינד, אַ דאָקטאר אין ניו־יאָרק, האָט מיר דערצעהלט, דאָס ער האָט אַ פּאַציענט אַ רייכען אָבער פרייען אידען, וועלכער רייסט איהם אָפט אויף אין מיטען נאַכט פון שלאָף, אום צו רעטען איהם פון שאַרפען אומפער־דייאונג וואָס ער בעקומט פון ראקעס. ער האָט איהם שוין אייניגע מאָל קוים דאָס לעבען גערעטעט און שטרענג פער־באָטען צו עסען עס, אָבער יענער טהוט זיך דאָס זייניגע און פון צייט צו צייט כאַפּט ער זיך צו זיין בעליעבטער נאַשעריי. מיט דעם גלויביגען אידען קען עס קיינמאָל ניט טרעפען. וואָרום? ווייל ער רעספּעקטירט גאָט און די תורה. דאָס גיט איהם די קראַפט צו קאָנטראָלירען זיך, און דאָס היט איהם פון שלעכטעס.

געוועהנליך, טרעפט אויך דאָס פרומע פאַלען אַמאָל דורך, אָבער דאָס ט ר ע פ ט נור. און אפילו דאַן, אין די מייסטע פעלע, אנערקענט דער איד זיין פעלער און קומט צוריק. „דער צדיק לעגט זיך ניט שלאָפען בעפאָר ער טהוט תשובה“ (ברכות י״ט).

דער גלויבען, אַזוי ווי אַנדערע אידעאַלען, מוז האָבען איבונגען, אום עס זאָל ניט אטראפירט ווערען פון האַרצען. פונקט אַזוי ווי ליעבע פון קינדער אָדער פערוואַנדטעטע ווערען אָבגעקיהלט פון דער ווייטען, ווען עס האָט קיין אַנ־האַלט אין לעבען. און אָט דאַפיר קומען די סימבאָלישע, צערמאָניעלע אָדער פסיכאלאגישע געזעצע די „מצוות הזכירה“, ווי שבת, יום־טוב, תפילין, מזוזה, ציצית און דעמ־גלייכען וועלכע האָבען דעם צוועק צו אנהאַלטען די ערינע־

רונג און צוגעבונדענקייט פון גאָט און תורה. דאָס זיינען די איבונגען (עקסערסייזעס) צו איבען דעם געפיהל פון רעספעקט און פליכט צו גאָט און תורה אום אויפצוהאַלטען דעם ריינעם געוויסען אין מענשען. און דעריבער איז די פּראַקטישע זייט פון יודענטהום, די „מצוות המעשיות“, אַזוי וויכטיג פיר דער אויפהאַלטונג פון יודענטהום און אידישען פאָלק. אידען וועלכע פאַרוואַרפען די „מצוות המעשיות“, מעגען זיי זיך זיין גאונים אין אידישע למודים, מעגען זיי ווי שטארק גלויבען אין דעם איינציגען גאָט, מעגען זיי זיך זיין די שטאַרקסטע נאַציאָנאַליסטען, וועלען פריהער אָדער שפּע־טער, זיי אָדער זייערע קינדער פערלאָזען דאָס יודענטהום און דער אידישער נאַציאָן.

בלויז די אידען וועלכע פּראַקטיצירען אידישקייט, זיינען מקיים די „מצוות המעשיות“ אָהן „התחכמות“, אָהן קריטיק, נור בתמימות, ווען אפילו זיי זיינען פּשוט׳ע ניט געלערענטע, אפילו עמי־הארץ, האַלטען אויף די אידישע רעליגיאָן און נאַציאָן. אויף זיי איז די אידישע וועלט געבויט און אויף זיי האַלט זי זיך.

ווי ריכטיג איז די קליינע ערצעהלונג פון תלמוד וועגען יענעם גרויסען אידען, וועלכען די מצוה פון ציצית, וואָס ער האָט אייפערזיכטליך געהאַלטען, האָט אָבגעהאַלטען פון צו בעגעהן אַ גרויסע זינד אין דער לעצטער מינוט.

ש ב ת *, אויסער די ר י י ן פּראַקטיש־היגיענישע און פהיזיאָלאָגישע וויכטיגקייט וואָס ער ענטהאַלט אַלס רוהע טאג, איז אַן עדות אַז גאָט האָט בעשאַפען די וועלט, אַז ער איז דער איינציגער, אַלמעכטיגער הערשער און פיה־רער פון דער וועלט, און דער נאַטור און פון אַלע לעבענדיגע, און אַז ער איז דער „משגיח“, דער אויפזעהער און דער אונקויפבאַרער ריכטער פון אַלע מענשליכע מעשים. דערי־בער איז שבת אַזוי הייליג און מוז שטרענג און פּינקטליך

* זעה „משה און דאָס פאָלק“, זייטע 58.

אָבגעהיט ווערען אונטער אַלע אומשטענדען. דער איד וואָס פערשוועכט שבת, פערלייקענט דאַמיט גאָט און ווערט דאַ־דורך אַן אפיקורוס, אַ גאָט־לעסטערער. ווייל שבת איז איינער פון די פונדאַמענטאַלע עיקרים, פּרינציפּען פון יודענ־טהום. אָהן שבת קאָן דאָס יודענטהום און דאָס אידישע פאָלק לאַנג ניט עקזיסטירען.

אין געגענטייל, דער ניט־איד טאָהר שבת ניט האַלטען (גוי ששבת חייב מיתה, סנה. פ"ח), ווייל דאַמיט מאַכט ער דעם שבת פיר אַן עדות אַז זיין גאָט האָט בעשאַפען די וועלט. שבת איז אויך דער פונדאַמענט און ווירקזאַמער סטימולאַנט פיר דער מדה פון בטחון, וועלכע איז אַזוי נויטיג פיר'ן מענשען.

דאָס זעלבע איז די מצוה פון תפילין, אין וועלכע עס ליעגען די פיער פרשיות פון דער תורה, מיט די הויפּט־מאמענטען און פּרינציפּען פון דער אידישער רעליגיאָן: די איינהייט פון גאָט, די ליעבע צו גאָט אָדער די פערטיגקייט פון מענשען צו אויפאָפּפערען פיר איהם למוד התורה וקיום המצוות, שכר ועונש (בעלאָהנונג און שטראָף), יציאת מצרים, די אידישע נאַציאָן און ארץ־ישראל. דאָס אַלעס איז פערבונדען מיט דער מצוה פון תפילין.

דאָס זעלבע איז מיט די מצוות פון ציצית, מזוזה א. ד. ג.

זיי זעהען אוים קליין, ניט וויכטיג, אָבער זיי האָבען אַ זעהר גרויסע בעדייטונג אין האַלטען דעם מענשען צוגע־בונדען צו דעם אַלערהעכסטען און הייליגען. זיי רייניגען און הייליגען זיינע געדאַנקען, צוימען זיינע געפיהלען אוןליידענשאַפטען און איבען אוים אַ גרויסען איינפלוס אויף זיין נשמה. זיי זיינען די גייסטיגע בענדער וואָס האַלטען די נשמה פערבונדען מיט גאָט.

זיי זיינען פונקט ווי די בריעף־וועקסלונג צווישען עלטערען און ערוויטערטע קינדער, וואָס האַלטען זיי אין שטענדיגען קאנטאקט און עראינערונג פון איינעם צום צווייטען.

דיזע מצוות פון „בין אדם למקום“ זיינען דער ווירק־זאמסטער מיטעל פיר דעם אידען צו האַלטען אויך די מצוות פון „בין אדם לחברו“.

בכלל מוז מען געדענקען איין וויכטיגען כלל אין אונזער רעליגיאָן.

מיר האָבען אין דער תורה צוויי סאָרטען מצוות: מצוות צווישען מענש און גאָט — „בין אדם למקום“ און מצוות צווישען מענש און מענש — „בין אדם לחברו“.

פילע מענשען גלויבען דאָס די הויבט זאַכע זיינען די מצוות צווישען „מענש און מענש“. די מצוות צווישען „מענש און גאָט“ האַלטען זיי ניט, און אָפט בעשפּאָטען זיי עס זאָגאַר, דענקענדיג דאָס זיי זיינען נוצלאָזע און ווערטה־לאָזע צערעמאָניעס. זיי גלויבען ניט אַז זיי זיינען געגעבען פון גאָט. זיי זאָגען אַז גאָט וויל בלויז דאָס מענשען זאָלען טאָהן גוטעס און קיין שלעכטעס איינער דעם צווייטען, ד. ה. „ואהבת לרעך כמוך“ איז דער עיקר, און דער „ואהבת את ד׳ אלקיך איז ניט וויכטיג.

דאָס איז אָבער ווייט ניט ריכטיג. דער ערסטער „ואהבת“ אָהן דעם צווייטען קען ניט עקזיסטירען לאַנג. די מענשען וואָס גלויבען ניט אין גאָט און אין דער תורה מיט איהרע אַלע מצוות קאָנען זיך ניט האַלטען אויף דער מאָ־ראלישער הויך אין פערהעלטניס צו זייערע מיטמענשען. זיי גיעבען אויך אַרויס אַ גרעסערען פּראָצענט פערברעכערס, אונמאָראַלישע מענשען. ווארום זיי שאפען זיך זייערע אייגע־נע מצוות און מאָראַל, וועלכע זיינען אין גרונד עברות און אונמאָראַליטעט.

דער תלמוד * שטעלט זאָגאַר אין אַ געוויסען זינן די מצוות וואָס צו גאָט העכער ווי די מצוות וואָס צו מענשען. ווארום דער מענש וואָס גלויבט אין גאָט, ווען ער בעגעהט אַ פעהלער איז דאָ האָפענונג דאָס ער וועט זיך אַרומזעהן און

* קדושין מ.; זעה: אהבת איתן, עין יעקב, ברכות ז.

זיך אומקעהרען צום גוטען וועג. אָבער דער מענש וואָס גלויבט ניט אין גאָט, ווען ער געהט אַראָב פון וועג, מוז זינקען אַלס טיעפער. ווארום ער האָט ניט צו וועמען צו אומקעהרען זיך. קיין זאַך און קיינער האַלט איהם ניט אין אבליגאַציע. ער האַלט זיך ניט פערפליכטעט צו קיינעם.

די נאַטירליכע גוטסקייט פון מענשענס האַרץ איז ניט גענוג צו האַלטען איהם אין די ראַמען פון עהרליכקייט און גוטסקייט. דאָס האַרץ די געפיהלען, זיינען אבהענגיג פון פערשיעדענע קערפערליכע, גייסטיגע, עקאָנאָמישע און פילע אַנדערע אומשטענדען, אָפט זאָגאַר פון דעם צושטאַנד פון וועטער. די געפיהלען ענדערען זיך אויך לויט די עלטער און מען קען זיך ניט אימער אויף זיי פערלאָזען. עס גיעבען גנבים,, פערברעכערס מיט גוטע הערצער וואָס קאָנען ניט זעהן דעם צווייטענס צער, און עס גיעבען האַרטהערציגע מענשען און דאָך העכסט עהרליך און וואָהלטהעטיג, בלויז דערפאַר וואָס זיי אנערקענען פליכט. עס איז אַלזאָ קלאָהר, אז זאָגאַר דער גוטער מענש מוז האָבען אַ געוויסע שטיצע, אָן אָנהאַלט פיר זיין געוויסען. ער מוז האָבען געוויסע רעגולאַטיוון אין לעבען. און דאָס זיכערסטע איז דאָך דער גלויבען און די אנערקענונג פון גאָט און די רעגולאַטיוון פון דער תורה.

## די רעזיומע

נאָך אַלעס וואָס מיר האָבען אין דיזען בוך אַרומגערעדט קאָנען מיר מאַכען פאָלגענדען קורצען סך־הכל:

1) די געזעצע פון דער תורה ענטהאַלטען אין זייער פערבאָרגענעם יסוד די געזעצע פון דער נאַטור; אַזוי דאָס אַ געזעץ פון דער תורה און אַ געזעץ אָדער אַ צאָהל געזעצע פון דער נאַטור זיינען איינס און דאָס זעלבע. און דעריבער איז:

2) די געזעצע פון דער תורה, ניט נור זיי שטימען מיט די געזעצע פון וויסענשאַפט, נור זיי זיינען זעלבסט וויסענ־

שאַפט. די וויסענשאַפטליכע אויספאָרשונגען און ענטדעקונ־
גען בעשטעטיגען זיי. און אויב מאַנכע פון די געזעצען,
פאָרשריפטען, ערקלעהרונגען אָדער זאָגאר ערצעהלונגען
שיינען אויפ'ן ערסטען בליק צו זיין אונערקלעהרליך אָדער
ניט אין אָנקלאַנג מיט דער יעצטיגער וויסענשאַפט, איז דאָס
ניט דערפאַר וואָס די תורה איז פאַלש, נור וואָס די וויסענ־
שאַפט האָט נאָך אין דיזען פונקט ניט דערגרייכט דעם
העכסטען און לעצטען פונקט, דעם אמת. מען דאַרף אַלזאָ
אבוואַרטען מיט'ן אורטהייל, מעג עס זאָגאר געדויערן יאָהר־
הונדערטע.

3) די פּאָזיטיווע, עקספּערימענטאַלע וויסענשאַפט בע־
שטעטיגט די געזעצע און ערקלעהרונגען פון דער תורה. די
ספּעקולאַטיווע וויסענשאַפטען, אויב זיי זיינען אין ווידער־
שפּרוך מיט דער תורה, פאָדערען אַן אונטערזוכונג אויב זיי
זיינען אמת און אויב זייער פערפאַסער איז ווירקליך אַ ווי־
סענשאַפטליכער און אמת'ער מאַן, וואָס האָט דאַביי קיינע
טענדענצען געהאַט. אַ טהעאָריע אָדער מיינונג פון אַ ווי־
סענשאַפטס־מאַן, וועלכער איז ניט בעשטעטיגט מיט אונ־
בעשטרייטבאַרע עקספּערימענטירטע פאַקטען, קען ניט
דיענען אַלס בעווייז פון ניט ריכטיגקייט פון די געזעצע און
ערקלעהרונגען (סטייטמענטס) פון דער תורה.

4) אַ גרויסער טהייל פון די געזעצע אָדער „מצוות־
המעשות" ענטהאַלטען אויסער דעם רעליגיעזען צוועק, די ער־
פילונג פון דעם ווילען פון דעם האַר פון דער וועלט, אויך
דעם צוועק צו פערהיטען דעם אידען פון די שעדליכע וויר־
קונגען וואָס געוויסע סובסטאַנצען קאָנען האָבען אויף זיין
קערפּער און גייסט, אין דער בחינה „כי אני ד' רופאך",
איך גאָט בין דיין דאָקטאָר, וועלכע דער מענש האָט ניט
געקענט אויסגעפינען אין פערלויף פון יאָהר־טויזענדע, און
פון וועלכע דער מענש היט זיך ניט אָב אפילו דאַן ווען
ער געפינט זיי שוין יא אויס, סיידען ער האָט עס אַלס

געטליכען פאַרשריפטו. אונזער תורה איז אַ ת ו ר ת ח י י ם, אַ תורה פון לעבען.

5) דער פאַקט וואָס די געזעצע און הנחות פון דער תורה שטימען מיט די נייעסטע ענטדעקונגען פון וויסענשאַפט איז אַ קלאָהרער בעווייז דאָס די תורה איז געטליך. קיין מענש, אפילו פון היינטיגער צייט, בפרט נאָך פון איבער דריי טויזענד יאָהר צוריק האָט געקענט בעזיצען אַזוי פיעל קענטניסע און וויסענשאַפט אין אַלע צווייגען פון דער נאַטור און פון מענשליכע פהיזישע און גייסטיגע איי־גענשאַפטען, אום צו פערפאסען אַזאַ אונפעהלבאַרע, איי־ביגע, ניט זעלבסטזיכטיגע תורה.

6) פון דיזען שטאַנדפונקט איז די תורה זעלבסט עדות, אַ בעווייז אויף דער עקזיסטענץ פון דעם שעפער. און אויב אַזוי

7) זיינען אידען מחויב צו ערפילען די געזעצע און פאַרשריפטען, די „מצוות המעשיות" פון דער תורה, סיי פון דער זייט פון זייער געטליכקייט און סיי זייטענס זייער נוצליכקייט.

איך האָפע דאָס איך האָב מיט גאָטעס הילף, בעוויזען די הנחות וועלכע איך האָב אַוועקגעשטעלט אין אָנפאַנג פון דיזען בוך.

# ביבליאָגראַפיע


תורה, נביאים, כתובים

תלמוד, מדרש, ספרי, ספרא, מכילתא, רמב"ם, פוסקים, מלבים.

רפואה עפ"י התלמוד, דר. י. ל. קצנלסון.

שמות הנגעים בכתבי הקדש, דר. י. ל. קאצנלסאן.

DR. ISAAC ALEX. DEMBO, The Jewish Slaughtering compared with Other Methods.

REV. DR. M. HYAMSON, Jewish Method of Slaughtering Animals for Food from Standpoint of View of Humanity, 1923.

EVOLUTION OF THE EARTH, by Georg S. Clason. Nutshell Pub. Co., Chicago.

DR. F. G. GROOKSHANK, The Mongol in Our Midst.

DARWIN, CH., The Descent of Man.

GREGORY, WILLIAM K., The Origin and Evolution of the Human Dentition.

DR. BROOK, New Heresy of Man's Descent, 1920.

DR. A. S. EDINGTON, The Internal Constitution of the Stars.

DR. BERNSTEIN, EUGENE, A Case of Trichinosis with Autopsy. Repr. N. Y. Med. Record, 1913.

DR. BLOCK, LEON, Trichinosis, Repr. Jour. Am. Med. Ass., Dec. 18, 1915.

DR THOMPSON, W. G., Trichinosis, Repr. Am. Med. Science, Aug. 19, 1910.

BUTH BRADFORD ALLEN, Note on the Treatment of Trichinosis. Repr. Jour. Am. Med. Ass., Dec. 30, 1916.

BALLAGY, JOHN, An Epidemic of Trichinosis in Pennsylvania. Repr. N. Y. Med. Journal, Dec. 13, 1913.

DR. BROOKS, W. K., The Development of the Oyster.

STILES, G. W., Jr., Sewage Polluted Oysters as a Cause of Typhoid and Other Gastro Intestinal Disturbances. Washingt. Gov. Print. Off., 1912.

OVEN, RICHARD, Description of a Microscopic Entozoon Infesting the Muscles of the Human Body.

DR. FULLER, Concerning Sewage Disposal from the Standpoint of Pollution of Oyster. Jour. Franklyn Inst., V. 160, p. 81.

GORHAM, F. P., Seasonal Variation in the Bacterial Content of Oysters. Am. Pub. Health Ass. Public Health Papers. Reprts., N. Y., 1912, Vol. 37.

HARDMAN, W. A., Observation Upon the Normal and Pathological Histology and Bacteriology of the Oyster. Proc. of the Reg. Sat., V. 64, p. 239.

BUCHANAN, G. I., Repr. upon the Occurrence of Several Cases of Enteric Fever in 6 Sanitary Districts.

DR. FISHBERG MORICE, The Jews, 1911.

" " " The Relative Infrequency of Tuberculosis Among Jews.

" " " Tuberculosis Among Jews.

" " " "Consumption," Jewish Encyclop.

DR. ROBERT KOCH, The Ethiology of Tuberculosis, Transl. by Stanley Boid, 1884.

THE ELECTRONIC METHOD OF DIAGNOSIS AND TREATMENT. Pearson's Magazine, Pub. 1923.

ALBERT ABRAMS, Man and His Poisons.

THE MORTALITY OF FOREIGN RACE STOCK, by Dr. Louis L. Dublin, Statistician of the Metropolitan Life Insurance Co., 1923.

HEALTH CONDITION IN BRONX, N. Y. C., by Godias J. Drolet.

TUBERCULOSIS AMONG DIFFERENT NATIONALITIES IN N. Y., by G. J. Drolet. Bulletin N. Y. Tub. Ass., Vol. 3, No. 3.

BULLETIN N. Y. TUB. ASS., Vol. 3, No. 2.

JEWISH COMMUNAL SURVEY OF GREATER N. Y., 1928.

TULAREMIA, A New Disease of Man, by Dr. Francis Edward. Repr. Jour. Am. Med. Ass., April 8, 1922.

FRANCIS EDWARD, Tularenia. Repr. Am. Med. Ass., Apr. 25, 1925.

TULARENIA AMONG MEADOW MICE (Muscat Rabbits). Jour. Am. Med. Ass., March 24, 1928.

DR. TURNER S. SHELTON, Tularenia. Jour. Am. Med. Ass., Apr. 4, 1925.

DR. CH. SPIVACK, Forward, 1922.

NOVACK, EMIL, Menstruation and Its Disorders, 1922.

YOUNG, ANNE, A New Theory of Menstruation. Jour. N. Y. Med. Record, Nov. 7, 1923.

DR. H. N. VINEBERG, The Relative Rareness of Cancer in the Uterus of the Jewih Women, 1919.

REV. WOOD PERCIVAL, MOSES, the Founder of Preventive Medicine.

CIRCUMCISION IN INFANCY, by Abr. L. Wolbarst, M. D., N. Y. C., 1926.

# „דער וועג צו רעטונג“

איז א פארטזעצונג פון „תורה בעשטעטיגט פון וויסענשאפט“. א זעהר וויכטיגער ווערק, אין אידיש און ענגליש בעזונדער. אין דיזען בוך ווערען בעהאנדעלט: די פראגע פון דאס דאזיין פון גאט און אונזערע רעליגיעז־נאציאנאלע גרעסטע פראבלעמען און עס ווערען אנגעצייגט א נייער וועג און זעהר וויכטיגע מיטלען וואס דארפען אנגענומען ווערען פיר די רעטונג פון געוויסע פאלקס־שיכטען פון הפקרות, ענטפרעמדונג און אסימילאציאן.

פרייז — 60 סענט. געבונדען 75 סענט.

געבונדען צוזאמען מיט תורה בעשטעטיגט פון וויסענשאפט $1.50
פאסטיידזש 10 סענט עקסטרא.

---

עס ווערט אונטערנומען א סובסקריפציאן אויף אן אויסגאבע פון מר. משה עפשיינ׳ס וויכטיגסטע רעדעס, דרשות און ארטיקלען, וואס ער האט געשריעבען און גערעדט אין העברעאיש, אידיש און ענגליש אין פערלויף פון 25 יאהר וועלכע האבען א גרויסען רעליגיעזען און נאציאנאלען ווערטה.

די וואס ווילע האבען דיזע ווערק זיינען געבעטען צו אונטערצייכענען דעם ביי־ליעגענדען סובסקרפציאן־בלאנק און אריינשיקען צום פערפאסער.

# „משה און דאס פאלק"

איז איינער פון די וועהניגע ביכער וואס האבען אן אייביגען ווערטה. פראמינענטע פערזאנען האבען געזאגט, דאס זיי האבען אין איהם געפונען גאונות. גרויסע רבנים האבען זיך באנוצט מיט זיינע געדאנקען פיר רעדעס. בעלי־בתים און זאגאר ראדיקאלע יונגע לייט האבען איהם געלייענט צו 3—2 מאל.

דער בוך בעהאנדעלט דעם פראצעס פון גלות און בעפרייאונג, די קווינט־עסענץ און אידעאלען פון יודענטהום און דעם כאראקטער פון פאלק אין גלות און פרייהייט לויט טראדיציע, דאך לעזט ער זיך אזוי ווי א שעהנע ערצעהלונג און איז געשריבען אין א העכסט מאדערנע און רייכע שפראך. דיזער בוך אין אידיש איז שוין א יקר המציאות. פון די דריי טויזענד אפגעדרוקטע עקזעמפלארען זיינען נאך פערבליבען איינציגע צעהנדליג.

פילע לעזער האבען אויסגעדריקט זייער מיינונג, דאס אן ענגלישע אויסגאבע איז זעהר נויטיג. דאס איז אבער א זעהר שווערע אונטערנעהמונג, און ביי יעצטיגען מאמענט, אונמעגליך פיר'ן פערפאסער. נור אויב עס זאלען זיך געפינען איינציגע מעצענאטען, וואס זאלען פינאנסירען די אונטערנעהמונג, אדער ווען עס זאלען זיך אברופען א 600 סובסקרייבערס, וועט דער בוך געדרוקט ווערען אין ענגליש.

אלזא די וואס ווילען האבען „משה און דאס פאלק" אין ענגליש, ווערען געבעטען צו אונטערצייכענע דעם ביילעגענדען סובסקריפציאן בלאנק און אריינשיקען דעם קופאן צום פערפאסער.


א ד ר ע ס :

M. EPSTEIN

224 Ross St., Brooklyn N. Y.